STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02288

MIR KEMFN FAR A SOVETISHN DAYTSHLAND

Wilhelm Pieck

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פראָלעטאריער פונ אלע לענדער, פאראייניקט זיכ!

וו. פּיק

מיר קעמפנ
פאר א סאָוועטישנ דייטשלאנד

דער רעוואָלוציאָנערער קאמפ פונעמ דייטשישנ ארבעטער־קלאס אונטער דער אָנפירונג פונ דער קאָמפארטיי פונ דייטשלאנד קעגנ דער פאשיס־טישער דיקטאטור

פארטראָג אונ שלוסוואָרט אפנ XIII פלענומ פונ אויספּירקאָמ פונ קאָמינטערנ

פארלאג „עמעס", מאָסקווע 1934

אינהאלט

זייט

I. אריינפיר 3

II. אָנהויב פונ א נייעמ רעוואָליוציאָנערנ אופשטייג 7

1. ס'וואקסט דער ווידערשטאנד פונעמ ארבעטער-קלאס 8
2. נייע מעטאָדנ פונ קלאסנקאמפ 10
3. רעוואָליוציאָנערער קאמפ קעגנ דער פאשיסטישער אָפּנארעריי 13
4. פאָרויס צו אָרגאניזירנ זעלבשטענדיק דעמ קאמפ 14
5. די באדייטונג פונ שטרייקנ 14
6. די עלעמענטנ פונ רעוואָליוציאָנערנ אופשטייג 15

III. די פּאָליטיק אונ די פּערספּעקטיוונ פונ דער פאשיסטישער דיקטאטור 25

1. די פאשיסטישע דיקטאטור אלס די הערשאפט-פאָרמ פונעמ מאָנאָפּאָליסטישנ קא-פּיטאל אינעמ פעריאָד פונעמ פארפוילנדיקנ קאפּיטאליזמ 25
2. די באזונדערקייטנ פונ איינשטעלנ אונ דורכפירנ די פאשיסטישע דיקטאטור אינ דייטשלאנד 29
3. היטלער פירט דייטשלאנד צו א קאטאסטראָפע 30
4. די פאשיסטישע דיקטאטור פארשטארקט די עקספּלואטאציע פונעמ ארבעטער-קלאס 32
5. די אָפּנארערישע רעקלאמע וועגנ דער „ליקווידירונג“ פונ דער ארבעטלאָזיקייט 35
6. דאס קליינבירגערטומ, דאָס קליינע אונ מיטעלע פויערטומ אלס פארבינדעטע פונעמ ארבעטער-קלאס 37
7. די פאשיסטישע דיקטאטור אינ דייטשלאנד איז א גנעסט אפ מילכאָמע-צוגרייטונג 39

IV. אָנ דער סאָציאל-דעמאָקראטיע וואָלט ניט געווענ קיינ פא-שיסטישע דיקטאטור 42

V. די ראָליע פונ דער פארטיי אונ דער רעוואָליוציאָנערער אויסוועג פונ קריזיס 54

1. די פאָרהאנאָכעס פונ דער רעוואָליוציע 54
2. די קפּד איז די גרעסטע באָלשעוויסטישע אומלעגאלע מאסנ-אָרגאניזאציע 55
3. די גענעראלע ליניע פונ דער פארטיי אונ די פראגע וועגנ טיילווייזע פאָ-דערונגענ 60
4. שאפנ אומאָפּהענגיקע קלאסעווע פראָפּפאריינענ 63
5. קאמפ פאר דער יוגנט 64
6. די פאָרמענ אונ מעטאָדנ פונ אונדזער אגיטאציע אונ אונדזער אומלעגאלע פרעסע 65

VI. ארויפווארפנ אפ א באוואָפנטנ אויפנ די פאשיסטישע דיק-טאטור — אזא איז די פּערספּעקטיוו אינ דייטשלאנד 68

VII. די קאָמוניסטישע פּראָגראמ פונ ראטעווענ די ארבעטנדיקע מאסנ 69

שלוסוואָרט 73

Литредактор М. Иткин Техред. И. Тененбаум. Сдано в производство 28/II—34 г. Подписано к печати 10/IV—34 г. Бумага 62X94 1/16. 5 п. л. 60000 зн. в п. л. Уп. Главлита В—83631. Тираж 3000 экз.

Типография изд-ства „Дер Эмес“, Москва, Покровка, 9. Зак 197.

I. אריַינפיר

„מיט אכט כאדאָשימ צוריק, אינ די באדינגונגענ פונ אויסערגעוויינלעכער פארשארפונג פונ דער פּאָליטישער אונ עקאָנאָמישער לאגע אינ דיַיטשלאנד, האָט די בורזשואזיע באופטראָגט היטלערנ אונ זיַינ „נאציאָנאל־סאָציאַליסטישער" פּארטיי צו פארווירקלעכנ די אָפּענע פאשיסטישע דיקטאטור. די 8 כאדאָשימ עקזיסטענצ פונ דער היטלער-גערינג-געבבעלס־רעגירונג, פונ דער רעגירונג פונ בלוט אונ הונגער, האָבנ אינ דער פולער מאָס באשטעטיקט, אז דער בעסטיאַלער, צעיושעטער פאשיסטישער דיקטאטור האָט זיכ ניט איַינגעגעבנ צו לייזנ קיינ איינ פּאָליטישע אונ עקאָנאָמישע פּראָבלעמ פונעמ היַינטציַיטיקנ דיַיטשלאנד... א ניַיער אופשטיַיג פונ רעוואָליוציאָנערער מאסנ־באוועגונג הייבט זיכ אָנ אינ דיַיטשלאנד..."

מיט די דאָזיקע ווערטער האָט די פּאָליטביוראָ פונעמ צענטראל-קאָמיטעט פונ דער קאָמוניסטישער פּארטיי כאראקטעריזירט אינ איר רעזאָליוציע פונ 10־טנ אָקטיאבער די לאגע אינ דיַיטשלאנד. דער גאנג פונ די געשעענישנ אינ דיַיטשלאנד באשטעטיקט מיט יעדנ טאָג אלצ דיַיטלעכער די אָפּשאצונג, וואָס מיר האָבנ געגעבנ אונ וואָס באזירט זיכ אפנ מארקסיסטיש־לעניניש̈נ אנאליז פונ דער צווישנפארהעלטעניש פונ די קלאסנקרעפטנ. דער מארקסיזמ איז א פעלדזנ־פעסט, מעכטיק געווער פונ קלאסנקאמפ פונעמ פּראָלעטאריאט. די היטלערישע באנדע, וואָס רעגירט איצט אינ דיַיטשלאנד, האָט פארברענט אפנ שיַיטער די וויסנשאפטלעכע ווערק פונ די גרויסע גרונטלייגער פונעמ מארקסיזמ. אָבער דער קאָמוניסטישער אוואנגארד פונעמ דיַיטשישנ פּראָלעטאריאט, באזיצנדיק דאָס געווער פונ מארקסיזמ-לעניניזמ, מאָביליזירט די מאסנ אינ די שווערע באדינגונגענ פונ אומגעהערטנ פאשיסטישנ טעראָר צו דער פּראָלעטארישער רעוואָליוציע, צו דער ווירקלעכער פאָלק־רעוואָליוציע אונ שאפט די פּאָרהאנאָכעס אפ אראָפּווארפנ דעמ פאשיזמ אונ אפ איַינשטעלנ די דיקטאטור פונ פּראָלעטאריאט.

דער דיַיטשישער פאשיזמ לייגט ארופ זיַינ שטעמפּל אפ דער גאנצער קאפּיטאליסטישער אייראָפּע. מיטנ אָנהייבנ די רעוואָליוציע אינ דיַיטשלאנד וועט דער רעוואָליוציאָנערער שטורעמ מיט נאָכ א גרעסערער קראפט זיכ דורכטראָגנ איבער גאנצ אייראָפּע. אינ דעמ באשטייט די גרויסע צווישנפעלקערלעכע היסטאָרישע באדיַיטונג פונעמ מעסירעסנעפּעשדיקנ קאמפ פונ דער קאָמוניסטישער פּארטיי אינ דיַיטשלאנד.

מיט 10 כאַראַשים צוריק, ווען די בורזשואַזיע האָט איבערגעגעבן דעם פאַשיזם די רעגירונג-מאַכט, האָט איר געדראָעט אַ נעפּאַר, אַז די קרעפטן פון דער רעוואָליוציע וועלן אריבעריאָגן די קרעפטן פון דער קאָנטער-רעוואָליוציע. דער דײַטשישער פּראָלעטאַריאַט האָט אַרויסגעוויזן זײַן מאַכט אין די שטרײַק-שלאַכטן. דאָס האָט פאַרפעסטיקט דעם באַשלוס פון דער בורזשואַזיע צו באַוואָרענען איר הערשאַפט דורך אונטערדריקן דעם אַר-בעטער-קלאַס, דורך דער סאַמע רעאַקציאָנערער אָפן פאַשיסטישער דיקטא-טור פון היטלערס „נאַציאָנאַל-סאָציאַליסטישער" פּאַרטיי.

„אין געלט-פראַגן איז ניטאָ קיין אָרט פאַר סענטימענטן",—אַט אַזאַ איז געווען דער שלאַכט-לאָזונג פון דער דײַטשישער בורזשואַזיע אין 1848 יאָר, וואָס איר ליבעראַלער מיניסטער האנזעמאַן האָט פּראָקלאַמירט. „אין די דאָזיקע באַדינגונגען,—האָט געזאָגט קאַרל מאַרקס,—האָט די הערשאַפט פון דער בורזשואַזיע אומפאַרמײַדלעך זיך געמוזט פאַרוואַנדלען אין טעראָר."

אָבער ניט דערווילדער טעראָר פון די פאַשיסטן, וואָס האָט פאַר-וואַנדלט דײַטשלאַנד אין אַ יאַם בלוט און אין אַ טורמע פאַר די אַר-בעטנדיקע, ניט די ליגנערישע דעמאַגאָגיע פון די פאַשיסטן האָבן ניט גע-קאָנט שטילן דעם הונגער פון די אַרבעטער, ניט געקאָנט געבן אַרבעט פאַר די אַרבעטלאָזע, ניט געקאָנט באַפרײַען די מיליאָנען אַרבעטנדיקע פונעם קריזיס-שלייף, דאַלעס און ניטזיכערקײַט אינעם מאָרגעדיקן טאָג.

דער רעוואָליוציאָניזירונג-פּראָצעס פון די מאַסן ווערט פאַרגעזעצט. די האַרבע פאַקטן צעקלאַפּן טאָגטעגלעך די דעמאַגאָגיע פון די פאַשיסטן. דער „נאַציאָנאַלער פראָנט", די אויסגערופענע קלאַסן-„איינהײַט", די איינהײַט פונעם פּראָלעטאַריאַט און פון דער בורזשואַזיע—דאָס איז דער לאָזונג, וואָס מיט אים זײַנען באַפוצט די טירן פון אַלע פאַשיסטישע קאַזאַרמעס און טורמעס. די דאָזיקע „איינהײַט", ווו איז זי? די „נאַציאָנאַלע רעוואָ-ליוציע" האָט באַנקראָטירט. היטלערס רעגירונג פירט דײַטשלאַנד צו אַ קאַ-טאַסטראָפע.

דײַטשלאַנד איז אונטער דער הערשאַפט פונעם פאַשיזם פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קוואַל פון באַשטענדיקער געפאַר פאַר אַן אימפּעריאַליסטי-שער מילכאָמע אין אייראָפּע. היטלערס רעגירונג אַנערקענט די גרענעצן, וואָס עס האָט אײַנגעשטעלט דער רויבערישער ווערסאַלער אָפּמאַך, אָבער אין דער זעלבער צײַט גרייט זי זיך מיט אַלע מיטלען צו אַ מילכאָמע און שטרעבט צו פאַרוואַנדלען דאָס דײַטשישע פאָלק אין געדונגענע סאָל-דאַטן פונעם קאָנטררעוואָליוציאָנערן מאַרש פון דער וועלט-בורזשואַזיע קעגן דעם איינציקן פרײַען לאַנד פון די אַרבעטנדיקע—קעגן דעם ראַטנפאַר-באַנד.

די ווײַמאַרער דעמאָקראַטיע איז געשטאָרבן. קיין איין אַרבעטער האָט אַפילו מיט קיין פינגער ניט אַ ריר געטאָן זי צו ראַטעווען. די שענדלעכע פּאָליטיק פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע אין פאַרלויף פון 15 יאָר נאָך דער נאָוועמבער-רעוואָליוציע האָט ניט בלויז אָפּגערייניקט דעם וועג פאַר דער

פאשיסטישער דיקטאטור, נאָר האָט אויך אראָפּגעריסן דעם צודעק פון דער פארלאמענטישער דיקטאטור פון דער בורזשואזיע.

„אזוי האָבן זיך צעוייט די לעצטע שפורן אכטונג צו דער דאָזיקער פאראכטער פארזאמלונג. די אינסורגענטן, וואָס זיינען אופגעשטאנען צו באשיצן זי, האָבן אופגעהערט צו זאָרגן וועגן איר און, ווען זי איז ענדלעך געשטאָרבן, האָט קיינער ניט באמערקט איר רומלאָזן פארשווינדן.“ *

די דאָזיקע ווערטער, וואָס מארקס און ענגעלס האָבן געזאָגט אין שייכעס מיטן קראך פון דער נאציאָנאלער פארזאמלונג אין 1848 יאָר, קאָנען דינען אלס טרעפלעכע כאראקטעריסטיק אויך פאר דער וויימארער דעמאָקראטיע.

איצט פילט אויס די סאָציאל-דעמאָקראטיע איר ראָליע אלס הויפּט־סאָציאלער אָנשפאר פון דער בורזשואזיע און פרווט שאפן א דאמבע קעגן דער נייער כוואליע פון רעוואָליוציאָנערן אופשטייג און איינהייטן די שפאלטונג אין די רייען פונעם ארבעטער-קלאס.

דער פירער פון דער דייטשישער סאָציאל-דעמאָקראטיע וועלס האָט אפ דער פארייזשער קאָנפערענץ פונעם II אינטערנאציאָנאל דערקלערט, אז „די אופגאבע פונעם גרויסן באפרייונג־קאמף קאָן ניט זיין דאָס פארבייטן דעם פאשיסטישן געגעם אפ דער באָלשעוויסטישער טורמע“. די סאָציאל-דעמאָקראטיע פון די וועלסן און נאָסקעס, לעבעס און שיידעמאנס, וואָס האָט אין 1919-1918 יאָר דערשטיקט די פראָלעטארישע רעוואָליוציע, וואָס האָט גערייכטעט די האנט פון געדונגענע מערדער אפ די גרונטלייגער פון דער קאָמוניסטישער פארטיי פון דייטשלאנד — אפ קארל ליבקנעכט און ראָזע ליוקסעמבורג, — וואָס האָט מיט 10 יאָר צוריק אין די אינטערעסן פון דער בורזשואזיע פארווערט די קאָמוניסטישע פארטיי, — די דאָזיקע סאָציאל-דעמאָקראטיע דינט אויך היינט דעם פארפוילנדיקן קאפּיטאליזם אין זיין קאמף קעגן די ארבעטנדיקע מאסן פון דייטשלאנד.

אָבער די לאגע היינט איז גאָר אן אנדערע, איידער זי איז געווען מיט 15 יאָר צוריק, ווען די קאָמוניסטישע פארטיי פון דייטשלאנד האָט זיך ערשט געהאט געגרינדעט, איז ניט געווען גענוג באָלשעוויזירט און האָט נאָך מיט זיך ניט פאָרגעשטעלט קיין מאסן-אָרגאניזאציע. ניט געקוקט אפ די אויסערסט־שווערע אונטערערד־באדינגונגען, ניט געקוקט אפ די סאמע ווילדע פארפאָלגונגען, שטייט די קאָמוניסטישע פארטיי פון דייטשלאנד, צונויפגעשמידט מיט אן אייזערנער איינהייט און שלאכט־אנטשלאָסנקייט פון אירע מיטגלידער, בעראָש פון די מיליאָנען ארבעטנדיקע, וואָס פירן א קאמף קעגן דעם פאשיזם.

---

* מארקס און ענגעלס, רעוואָליוציע און קאָנטררעוואָליוציע אין דייטשלאנד, ווערק, באנד 6, זייט 100.

רעוואָליוציאָנערער אופשטאנד פונעם ארבעטער-קלאס—אָט אזא איז די פערספעקטיוו פונ דער אנטוויקלונג אינ דייטשלאנד. די קאָמוניסטישע פארטיי איז די איינציקע קראפט, וואָס אונטער איר אָנפירונג וועט פארווירקלעכט ווערנ די פראָלעטארישע רעוואָליוציע אינ דייטשלאנד. דער קאָמוניזם וועט באזיגנ דעם פאשיזם.

II. אָנזוקס פונ א נײַעמ רעוואָליוציאָנערנ אופשטײַג

די איצטיקע לאגע אינ דײַטשלאנד צייכנט זיכ אויס מיט אנ אָנוווקס פונ א נײַעמ אופשטײַג פונ דער רעוואָליוציאָנערער מאסנ־באוועגונג אונטער דער אָנפירונג פונ דער קאָמוניסטישער פארטיי.

די דײַטשישע בורזשואזיע האָט מיט 10 כאדאָשימ צוריק איבערגעגעבנ די מאכט היטלערס פארטיי, האָט דערבײַ ארופגעלייגט אפ איר אלס צענטראלע אופגאבע דאָס אײַנשטעלנ אנ אָפענע פאשיסטישע דיקטאטור אונ דאָס צעגראָמירנ די קאָמוניסטישע פארטיי אונ די רעוואָליוציאָנערע ארבעטער־באוועגונג, וואָס בעראָש פונ איר שטייט די קאָמפארטיי. הײַנט איז שוינ קלאָר, אז היטלערנ גיט זיכ ניט אײַנ אויסצופילנ אָט די צענטראלע אופגאבע. קעגנ די פרווונ פונעמ מאָנאָפאָליסטישנ קאפיטאל, פונעמ פינאנצקאפיטאל אונ פונעמ יונקערטומ צו געפינענ מיט דער הילפ פונ דער היטלערישער דיקטאטור א קאפיטאליסטישנ אויסוועג פונעמ קריזיס דורכ פארשטארקנ די עקספלואטאציע אונ בארויבנ די ארבעטנדיקע מאסנ, דורכ צוגרייטנ א מילכאָמע — איז קעגנגעשטעלט דער שנעל שטײַגנדיקער ווילנ פונעמ ארבעטער־קלאס צו א ווידערשטאנד, וואָס קאָנ זיכ זייער גיכ פארוואנדלענ אינ א מעכטיקנ מאסנ-קאמפ קעגנ דער היטלערישער דיקטאטור.

די אופגאבע, וואָס היטלערס רעגירונג האָט באקומענ, האָט זי אָנגעהויבנ פארווירקלעכנ מיט א בירגערקריג אונ מיט אנ אומגעהערטנ טעראָר קעגנ דעמ רעוואָליוציאָנערנ פראָלעטאריאט אונ באזונדערס קעגנ דער קאָמוניסטישער פארטיי, וועלכע זי האָט אפ אזא אויפנ גערעכנט צו פארניכטנ. מיט דער בארימערײַ, וועלכע איז פאר אימ כאראקטעריסטיש, האָט היטלער אינ זײַנ רעדע באמ עפענענ דעמ רײַכסטאג אינ מארט 1933 יאָר דערקלערט, אז אימ האָט זיכ אײַנגעגעבנ צו מאכנ א טעל פונ דער קאָמוניסטישער פארטיי אינ דײַטשלאנד. געבעלס, דער הויפט פונעמ פראָפאגאנדע־מיניסטעריומ בא היטלערס רעגירונג, האָט געפרווט ארויבערשטײַגנ זײַנ שעפ, דערקלערנדיק:

„אינ 50 יאָר ארומ וועט קיינ איינ מענטש אינ דער וועלט מער ניט וויסנ, צי האָט ביכלאל ווענ־עס־איז עקזיסטירט דער מארקסיזמ. די וועלט־אידיי פונעמ פאשיזמ וועט זיגנ, אונ צו דער קאָמוניסטישער פארטיי פונ דײַטשלאנד וועט אפ שטענדיק געמאכט ווערנ א סאָפ.“

אָבער די פאקטנ פונ דער דײַטשישער ווירקלעכקײַט ריידנ וועגנ עפעס גאָר אנדערס. היטלערס רעגירונג האָט פארשפארט 100 טויזנט רעוואָליר־

ציִאָנערע ארבעטער אינ די קאָנצענטראציע-לאגערנ, טויזנטער כאוויירימ האָבנ בא איר אויסצושטיינ בעסטיִאלע פּייניקונגענ, זי האָט ניט ווייניק פונ זיי פארפייניקט אונ דערמאָרדעט, זי האָט פארטריבנ די קאָמפּארטיי אינ אונ-טערערד, אָבער איר האָט זיכ ניט איינגעגעבנ צו פארניכטנ ניט די רע-וואָליוציִאָנערע באוועגונג, ניט די קאָמפּארטיי פונ דייטשלאנד.

די קאָמוניסטישע פארטיי פונ דייטשלאנד לעבט. איר איינפלוס אפ די ארבעטנדיקע מאסנ וואקסט מיט א שנעלנ טעמפּ. זי איז דער אָרגאניזאטער פונ די מאסנ-שלאכטנ קעגנ היטלערס דיקטאטור. עס וואקסט אָנ א נייער רעוואָליוציִאָנערער אופשטייג. דער עקאָנאָמישער קריזיס פארטיפערט זיכ. די פאָרהאנאָכעס פונ א רעוואָליוציִאָנערנ קריזיס פארמערנ זיכ. דייטשלאנד גייט אנטקעגנ דער פּראָלעטארישער רעוואָליוציע.

ו. סיוואקסט דער ווידערשטאנד פונעמ ארבעטער-קלאס

קעדיי זיכ קלאָר צו מאכנ די עלעמענטנ פונעמ וווּקס פונ דעמ פּראָ-לעטאריאטס רעוואָליוציִאָנערע קרעפטנ, קעדיי צו פארשטיינ, אז די איצטיקע שלאכט-ארויסטרעטונגענ פונעמ ארבעטער-קלאס, אונ אינ דער ערשטער ריי די שטרייקנ, וויקלענ זיכ פאנאנדער אפ א נייעמ באדייטנדיק העכערנ ניוואָ פונ דייפקייט, רעוואָליוציִאָנערישקייט אונ אָרגאניזירטקייט פונ דער קלאסנ-באוועגונג פונ די מאסנ,— איז נייטיק אָפּצושטעלנ זיכ אפ דעמ פּראָצעס פונעמ בעהאדראָגיקנ אָנוווּקס פונ די קלאסנ-קרעפטנ, וואָס זיינענ געווענדט אפ פארניכטנ די פאשיסטישע דיקטאטור.

דאָס, וואָס היטלער איז געקומענ צו דער מאכט אונ וואָס די סאָציִאל-דעמאָקראטיע האָט דעמ 31-טנ יאנואר אראָפּגעריסנ דעמ אלגעמיינעמ שטרייק, האָט קלאל ניט איינגעבראָכנ די קאמפּ-באוועגונג פונ די מאסנ. דער בור-זשואזיע האָט, ווי פריִער, געדראָעט א געפאר, אז די קרעפטנ פונ דער פּראָלעטארישער רעוואָליוציע וועלנ אריבעריאָגנ די קרעפטנ פונ דער קאָנטררעוואָליוציע. די ביז דאנ אָנגעווענדטע פאשיסטישע מעטאָדנ פונ טעראָר אונ אָפּנארעריי האָבנ זיכ ארויסגעוויזנ פאר ניט קיינ גענוגיקע.

דער בורזשואזיע איז נייטיק געווענ צו דערפירנ ביזנ העכסטנ גראד דעמ טעראָר אונ שאפנ א פּאָגראָמ-שטימונג קעגנ דעמ רעוואָליוציִאָנערנ אוואנגארד, קעדיי מעגלעכ צו מאכנ דעמ פּרוּוו צו דערלאנגענ אנ אנט-שיידנדיקנ קלאפּ.

אינ דעמ באשטייט די ווירקלעכע סיבע, וואָס האָט געצוווּנגענ היטלערנ, געריננ אונ געבעלסנ צו ווארפנ דעמ סרייפע-פאקל אינ דער רייכסטאג-געביידע. טויזנטער ארבעטער, געוויינלעכע מיטגלידער אונ פונקציִאָנערנ פונ דער פארטיי זיינענ ארעסטירט אונ פארפייניקט געוואָרנ קימאט ביז טויט; הונדערטער זיינענ דערמאָרדעט געוואָרנ, טויזנטער ארבעטער זיינענ געווענ געצוווּנגענ צו פארלאָזנ זייער היימ אונ פאמיליע אונ אריבערגיינ אפ אנ אומלעגאלער לאגע.

דעם אַרבעטער־קלאַס האָט אַרומגעכאַפּט אַ דעפּרעסיע, וואָס די סאָציִאַל־דעמאָקראַטיע סטימולירט. ווען דער דײַטשישער פּראָלעטאַריאַט וואָלט אין דער דאָזיקער סיטואַציע ניט געהאַט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי, וואָס האָט זיך אױף קיין רגע ניט פאַרלאָרן און האָט מוטיק אײַנגעהאַלטן די שלאַכט־פּאָזיציעס קעגן דעם פאַשיזם, — וואָלט דער פאַשיזם טריומפירט און עס וואָלט ניט פאָרגעקומען קיין נײַע צונויפזאַמלונג פון די קרעפטן, קיין נײַער רוק פאָרויס און קיין באַנײַונג פונעם רעוואָליוציִאָנערן אױפשטײַג.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט טײַקעף גענומען פירן אַ פאַרביטערטן קאַמף קעגן דער פּוילער סאָציִאַל-דעמאָקראַטישער אידעאָלאָגיע, קעגן דער באַהױפּטונג, אַז דער פאַשיזם האָט, קלומערשט, ענדגילטיק צעקלאַפּט דעם פּראָלעטאַריאַט. זי האָט געקעמפט קעגן די שטימונגען פון וואַרטן און האָפן אױף אַן אויטאָמאַטישן קראַך פונעם היטלערישן רעזשים, שטימונגען, וואָס די סאָציִאַל־דעמאָקראַטיע האַלט אונטער, זי האָט אָפן געשטעלט פאַר די מאַסן די פראַגע וועגן אָרגאַניזירן דעם קאַמף. זי האָט געקעמפט קעגן דעם, אַז די אַרבעטער זאָלן אַריבערלויפן אין די פאַשיסטישע זאַוואָדישע אָרגאַניזאַציעס, און איז בײַגעקומען אַלערלײ טענדעצן, וואָס זײַנען געווענדט אױף פאַנאַנדערלאָזן די רעוואָליוציִאָנערע מאַסן-אָרגאַניזאַציעס. פאַר דער פּאַרטיי איז אין דער ערשטער רײ געשטאַנען די פראַגע צו דערוועקן אין די קלאַסן־באַוווסטזיניקע אַרבעטער-מאַסאָוויקעס די מאַקסימאַלע איניציִאַטיוו.

דער רעוואָליוציִאָנערער אַוואַנגאַרד און די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פונעם דײַטשישן פּראָלעטאַריאַט האָבן אױסגעהאַלטן דעם שלאַכט-ניסויען. בײַ די וואַלן אין רײַכסטאַג דעם 5-טן מאַרט האָט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי צונויפגעקליבן 5 מיליאָן שטימען, ניט געקוקט אױף דעם, וואָס אירע וואַל־צעטלען זײַנען דערקלערט געוואָרן פאַר ניטגילטיקע (די סאָציִאַל־דעמאָקראַטן האָבן געפּרוווט אַרויסבאַקומען דערפון נוצן פאַר זיך), ניט געקוקט אױפן אונטערצינדן דעם רײַכסטאַג, אױף די פּאָגראָמען און אױפן טעראָר.

בײַ די וואַלן אין די פאַבריק־זאַוואָדישע קאָמיטעטן אין מאַרט האָבן מיר אין אַ גאַנצער רײ גרויסע אונטערנעמונגען באַקומען 39 פּראָצ. פון אַלע שטימען. אין אַ סך אונטערנעמונגען האָט זיך אונדז אײַנגעגעבן פאַנאַנדערוויקלען שטרײַקן קעגן דעם, וואָס מע האָט אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט די רויטע זאַווקאָם־מיטגלידער. אינמיטן מאַרט איז צום ערשטן מאָל אַרויס אומלעגאַל די „ראָטע פאַנע”, דער צענטראַל־אָרגאַן פון דער פּאַרטיי. כאָטש אין רעזולטאַט פונעם טעראָר זײַנען אין אַ סך ערטער איבערגעריסן געוואָרן די צאָלרײַכע פאַרבינד-פעדעם צווישן די קרײַז-קאָמיטעטן פון דער פּאַרטיי און די אונטערשטע פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציעס, האָבן דאָך די קאָמוניסטישע אַרבעטער און פונקציִאָנערן לויט זייער אײגענער איניציִאַטיוו אַרויסגעלאָזט איבערן גאַנצן לאַנד אַגיטאַציע=מאַטעריאַלן, לאָזונגען, שלאַכט-רופן צו אַן אײנהײַטלעכן פראָנט און האָבן זיי

פארשפרייט בא דער אונטערשטיצונג פונ די סאָציאל-דעמאָקראטישע אונ אומפארטייִשע ארבעטער.

אינ אָט די טעג אונ וואָכנ איז די פארטיי אפילע אינ דעמ באוווסטזיינ פונ יענע ארבעטער, וואָס זיינענ נאָכ ווייט געווענ פונ דער פארטיי, אויסגעוואָקסנ אינ דער אייזערנער קאָהאָרטע פונ דער רעוואָליוציע.

אינ דעמ האָט זיכ ארויסגעוויזנ דער רעזולטאט פונ ריכטיק אָנפירנ מיט דער פארטיי מיצאד איר פירער — דעמ כ׳ טעלמאנ. די פארטיי האָט געהאט טיפע וואָרצלענ אינ די מאסנ אונ אדאנק דעמ האָט דער צעיושעטער טעראָר פונ די פאשיסטנ ניט געקאָנט איזאָלירנ די פארטיי פונ די מאסנ. די דאָזיקע דערפאָלגנ זיינענ אויכ געווענ א רעזולטאט פונ דער גרויסער הילפ, וואָס דער קאָמינטערנ האָט געגעבנ אונדזער פארטיי אָפ באָלשעוויזירנ זי. אינ דעמ האָט זיכ ארויסגעוויזנ די באדייטונג פונ די לענינישע אָרגאניזאציאָנעלע פרינציפנ אונ פונ די 21 באדינגונגענ פונעמ קאָמוניסטישנ אינטערנאציאָנאל, וואָס האָבנ ניט געלאָזנ ארײנדרינגענ אינ דער פארטיי די אָפאָרטוניסטישע אונ קליינבירגערלעכע עלעמענטנ אונ וואָס האָבנ פאראייניקט אינ די רייענ פונ דער קאָמוניסטישער פארטיי די בעסטע עלעמענטנ פונעמ ארבעטער-קלאס. אינ די דאָזיקע דערפאָלגנ האָבנ ניט די לעצטע ראָליע געשפילט אויכ די גרויסע דערגרייכונגענ פונ דער סאָציאליסטישער בויונג אינ פססר, פונ די גראנדיעזע דערפאָלגנ פונ די שלאָג-בריגאדעס, וואָס האָבנ דערוויזנ די ארבעטער פונ דער גאנצער וועלט די גאנצע קראפט פונעמ ארבעטער-קלאס, באגייסטערנדיק זיי ווידעראמאָל אונ נאָכאמאָל צומ קאמפ פאר בייקומענ די שוועריקייטנ.

דער רעוואָליוציאָנערער מוט פונעמ פראָלעטאריאטס אוואנגארד אונ פונ דער רעוואָליוציאָנערער פארטיי איז געווענ די אנטשיידנדיקע סיבע פונ דעמ, וואָס עס איז פארהעלטנישמעסיק שנעל אויסגעלעבט געוואָרנ די בעדריקטקייט אונ וואָס עס איז אָנגעוואָקסנ א נייער רעוואָליוציאָנערער אויפשטייג אונטער דער אָנפירונג פונ דער קאָמוניסטישער פארטיי.

2. נייע מעטאָדנ פונ קלאסנקאמפ

ניט געקוקט אָפנ סאמע אכזאָריעסדיקנ טעראָר, האָט זיכ היטלערס רעגירונג ניט איינגעגעבנ צו אונטערדריקנ די רעוואָליוציאָנערע באוועגונג; די סאָציאל-דעמאגאָגישע פראזעאָלאָגיע פונ די פאשיסטנ האָט מיטגעווירקט דעמ אָנוווקס פונ אנטיקאפיטאליסטישע שטימונגענ אינ די מאסנ. אינ צוזאמענהאנג דערמיט איז היטלערס רעגירונג געווענ געצוווּנגענ אָפנ ערשטנ עטאפ פאָרצוזעצנ איר פאָליטיק פונ סאָציאלער דעמאגאָגיע. די דאָזיקע פאָליטיק האָט זיכ אויסגעדריקט אינ רעקלאמירנ די 2 פיריאָדיקע פלענער פונ ליקווידירנ די ארבעטסלאָזיקייט אונ פונ ראטעווענ דאָס פויערטומ, אינ אָרגאניזירנ דעמ טאָג פונ אנטי-יידישנ בויקאָט, אינ באשטימענ קאָמיסארנ אינ די אונטערנעמונגענ, אינ דערלאָזנ צייטווייליק דאָס אזויגערו-

פענע „ארײַנמישן זיך פון אונטן". די פאַשיסטישע רעדנער האָבן דערקלערט אין זייערע רעדעס, אז די פאַבריקן פון די קאַפּיטאַליסטן זײַנען אויך די אַרבעטערס פאַבריקן, אַז יעטווידער װערקשטעל געהערט אויך די אַרבעטער, מיט דער דאָזיקער דעמאַגאָגיע האָט די היטלערישע דיקטאַטור געפּרוּווט געווינען צײַט אַפ פאַרפעסטיקן איר מעלוכע-אַפּאַראַט.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט געווענדט איר טאַקטיק און אירע קאַמפּ-מעטאָדן אַפ דעמאַסקירן אין די אויגן פון די מאַסן דעם דאָזיקן סאָציאַלן שווינדל פון היטלערס רעגירונג און האָט פאַרשטאַנען אויסצונוצן די דאָזיקע אַנטיקאַפּיטאַליסטישע שטימונגען פון די מאַסן. דערבײַ האָבן מיר אויסגענוצט די לעגאַלע מעגלעכקײַטן צו אַרבעטן אין די פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס: די נאַציאָנאַל-סאָציאַליסטישע קעמערלעך אין די אונטערנעמונגען, די פאַרזאַמלונגען פונעם „דײַטשישן אַרבעט-פראָנט", וואָס די פאַשיסטן רופן צונויף, די פאַשיסטישע זאַווקאָמען, וואָס זײַנען געשאַפן געוואָרן אַפ א צוואַנג-אויפן, די קאָמיסאַרן אין די אונטערנעמונגען, וואָס זײַנען אונטערן דרוק פון די אַרבעטער געווען געצוווּנגען אַרויסצורוקן פאָדערונגען וועגן העכערן דעם אַרבעטלוין און די שטיקאַרבעט-טאַריפן און וועגן באַפרײַען די אַרעסטירטע זאַווקאָם-מיטגלידער. אין א סאַך אונטערנעמונגען האָבן אונדזערע כאַווײרים נאָכן ערשטן מײַ אָרגאַניזירט אַרויסטרעטונגען מיט דער פאָדערונג צו באַצאָלן, ווי מע האָט דאָס פריִער צוגעזאָגט, פאַרן 1־טן מײַ, ווען מע האָט ניט געאַרבעט, און מיט דער פאָדערונג אָפּצוזאָגן פון דער אַרבעט די ניט פּאָפּולערע מײַסטערס און דירעקטאָרן. אונטער דעם דאָזיקן דרוק פון די מאַסן איז די נאַציאָנאַל-סאָציאַליסטישע זאַוואָדישע אָרגאַניזאַציע (נ. ס. ז. אָ.) אין אייניקע פאַלן געווען אַפילע געצוווּנגען צו פאָדערן, מע זאָל צײַטווײַליק אַרעסטירן באַזונדערע אָנפירער אין די אונטערנעמונגען.

אַפ די פאַרזאַמלונגען פון די אוניפיצירטע פראָפאַריינען זײַנען אַרויסגעדרוקט געוואָרן פאָדערונגען איבערצוּווײלן די זאַוואָדישע קאָמיטעטן, אַראָפּצוזעצן די מיטגליד-אָפּצאָלן, העכערן דעם אַרבעטלוין, פרײַהײַט פון וואָרט. אַדאַנק דעם זײַנען אין א סאַך פאַלן אַראָפּגעריסן געוואָרן די פראָפאַריינישע פאַרזאַמלונגען, וואָס זײַנען פאָרגעקומען אונטער דער אָנפירונג פון די קאָמיסאַרן; דעריבער האָבן די קאָמיסאַרן דערנאָך ביכלאַל פאַרווערט יעטווידע דעבאַטן. אונדז האָט זיך אויך אײַנגעגעבן אין א סאַך פאַלן צו דערשלאָגן זיך, מע זאָל אויסווײלן ספּעציעלע קאָמיסיעס אַפ צו לייזן די פראַגן פון אַרבעטלוין און אַפ צו פירן אונטערהאַנדלונגען מיט די אונטערנעמער. די פונקציאָנערן פון נ. ס. ז. אָ., וואָס זײַנען אויסגעווײלט געוואָרן אין די דאָזיקע קאָמיסיעס, פלעגן אין רעזולטאַט אָפטמאָל אַרײַנטרעטן אין א קאָנפליקט מיט די העכער־שטייענדיקע אָרגאַניזאַציעס.

לויט אונדזער איניציאַטיוו זײַנען די פונקציאָנערן פון נ. ס. ז. אָ. אין א ריי שטעט געווען געצוווּנגען צו פאָדערן פאַרווירקלעכן די צוגעזאָגטע „סאָציאַליזאַציע" פון גאַנצע אינדוסטריע־צווײַגן, וואָס אַפ דעם

זײַנענ די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע פירער, פאַרשטייט זיכ, ניט מאַסקימ געווענ. דאָס אויסנוצנ די דאָזיקע מאָסמיטלענ האָט אויכ געהאָלפנ דערצו, אַז אונדז האָט זיכ פונדאָסניי איינגעגעבנ פאַנאַנדערצווויקלענ די שטרײַק־באַוועגונג אַזוי, אַז אינ אַפּרעל זײַנענ פאָרגעקומענ 60 שטרײַקנ אונ אינ מײַ — 58 שטרײַקנ. דעמ העכסטנ פונקט האָט די שטרײַק־באַוועגונג דערגרייכט, ווענ עס האָבנ פאַרשטרײַקט די אַרבעטער פונ די בערלינער דרוקערײַענ, דערבײַ האָט אויכ געשטרײַקט די דרוקערײַ, ווו עס דרוקט זיכ דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער „אַנגריפ". די אַרבעטער האָבנ געפאָדערט, מע זאָל אַראָפּוּעצנ דעמ געהאַלט פונ די דירעקטאָרנ, מע זאָל אָפּשאַפנ די 10־פּראָצענטיקע פאַרקלענערונג פונעמ אַרבעטלוינ, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרנ אינ 1932 יאָר, מע זאָל אָפּזאָגנ די העכערע אָנגעשטעלטע, וואָס זײַנענ מיטגלידער פונ דער נ. ס. ד. א. פ. די פאַשיסטישע אָנפירונג האָט געפּרווט אַראָפּפירנ דעמ שטרײַק אַפ אַנדערע רעלסנ, אָרגאַניזירנדיק אַ העצע אַפ די קליינע ייִדישע אָנגעשטעלטע.

אַרויסגייענדיק פונ די דאָזיקע מעטאָדנ פונ מאָביליזירנ די אַרבעטער צומ קאַמפ אינ די אונטערנעמונגענ פאַר פאַרווירקלעכנ די צוזאָגנ, וואָס די פאַשיסטנ האָבנ געגעבנ, אונ אויסנוצנדיק די לעגאַלע מעגלעכקײַטנ אינוויייניק אינ די פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס, האָבנ מיר אינ דער זעלבער צײַט געשטרעבט צו מאַכנ פאַרנ גרונט־מעטאָד פונ אונדזער אַרבעט דעמ קאַמפ פאַר זעלבשטענדיקע קלאַסנ־אָרגאַניזאַציעס אונ פאַר זעלבשטענדיקע קלאַסנ־פאָדערונגענ. באַמ אויסנוצנ דעמ ערשטנ מעטאָד איז געווענ אַ געפאַר, אַז די אָרגאַניזאַציעס פונ דער פּאַרטיי אונ פונ דער רעוואָלוציאָנערער פּראָפּאַגאַנדע וועלנ ווערנ קאָרבאָנעס פונ אָפּאָרטוניזמ אינ דער פּראַקטיק, אַז דאָס פּאָנעמ פונ דער פּאַרטיי וועט זיכ אינעמ דאָזיקנ קאַמפ ניט אַנטפּלעקנ, אַז דער קאַמפ, וואָס וויקלט זיכ פאַנאַנדער אַפ דער דאָזיקער באַזע, וועט ניט ברענגענ צומ פּרינציפּיעלנ דיסקרעדיטירנ דעמ פאַשיזמ אונ צו דער פאַרשטאַרקונג פונעמ רעוואָלוציאָנערנ איינהײַטפראָנט אַלס די איינציקע קראַפט אינ קאַמפ קעגנ דער סאָציאַלער רעאַקציע. די נ. ס. ז. אָ. האָט געקאָנט אויסנוצנ דעמ דאָזיקנ מעטאָד אַפ דורכפירנ אייניקע אָפּנאַרערישע מאַנעוורענ.

די דאָזיקע אויפלעבונג פונ דער שטרײַק־באַוועגונג אונ אַנדערע טיילווײַזע אַרויסטרעטונגענ פונ די אַרבעטער אינ די אונטערנעמונגענ איז געווענ אַ רעזולטאַט פונ דער מוטיקער אויפקלער־ אונ קאַמפ־אַרבעט פונ אונדזערע כאַווייריִמ פונ די אונטערשטע פּאַרט־אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבנ מיטנ דאָזיקנ ציל אַרויסגעגעבנ גוט צונויפגעשטעלטע אַגיטאַציע־מאַטעריאַלנ, זאַוואָדישע צײַטונגענ, קליינע בלעטלעכ, פלוגבלעטלעכ מיטנ לאָזונגענ, רעוואָליוציאָנערע אויפשריפטנ אאַוו. אָבער די דאָזיקע אַגיטאַציע איז אינ גרונט אַרויס פונ דעמאַסקירנ דעמ שרײַענדיקנ ווידערשפּרוכ צווישנ די צוזאָגנ פונ די פאַשיסטנ אונ זייער פּראַקטישער פּאָליטיק. אינ אונדזער אַגיטאַציע האָט געפעלט דאָס, וואָס מיר פלעגנ ניט אויפקלערנ די פּאַר־

בינדונג צווישנ דער פאָליטיק פונעם טײלווײַז אָנגריפ פונ די פאשיסטנ אפנ ארבעטער־קלאס מיט זײער גאנצער פאָליטיק, וואָס פירט צו א קאַ־טאסטראָפע, אײַנגאנצנ געגומענ, עס פלעגנ פעלנ אָפּעראטיווע אָנווײַזונגענ, ווי־אזוי צו אָרגאניזירנ דעם קאמפ פונ די מאסנ, מע פלעגט ניט אופמונטערנ דעם ווילנ צו מאכט, עס פלעגט ניט געגעבנ ווערנ קײנ קלאָרע פערספעקטיוו פונ דער אומפארמײַדלעכקײַט פונ אונדזער ניצאָכנ און עס פלעגנ ניט פּאָ־פּוליאריזירט ווערנ אונדזערע ענד־צילנ.

אָבער ניט געקוקט אפ די דאָזיקע פעלערנ, האָבנ דאָך די דאָזיקע צאָלרײַכע טײלווײַזע באוועגונגענ אפ א גאנצ וועזנטלעכנ אופנ מיטגע־ווירקט, אז עס זאָל אפ א פארגיכערטנ אופנ רײַפ ווערנ א נײַע כוואליע פונ רעוואָליוציאָנערנ אופשטײַג.

3. רעוואָליוציאָנערער קאמפ קעגנ דער פאשיסטישער אָפּנארערײַ

דער אָנוווקס פונ די שלאכט־ארויסטרעטונגענ פונ די מאסנ האָט גע־צוווּנגענ היטלערס רעגירונג טײלווײַז אָפּצוזאָגנ זיכ פונ די סאָציאל־דעמא־גאָגישע מאנעוורענ בענעגײע צו די מאסנ. היטלער האָט דערקלערט, אז די „נאציאָנאלע רעוואָליוציע" האָט זיכ פארענדיקט, די קלײנע קאָמיסארנ אינ די אונטערנעמונגענ זײַנענ באזײַטיקט געוואָרנ, די ארבעטער, וואָס פלעגנ זעלבשטענדיק זיכ פארמעסטנ אפ די רעכט פונ די אונטערנעמער, האָט מענ אָפּגעזאָגט פונ דער ארבעט און פארשפארט אינ די קאָנצענט־ראציע־לאגערנ. די אונטערנעמערנ האָבנ באקומענ אונטערשטיצונג אינ דער פערזאָנ פונ די „באפולמעכטיקטע", וואָס האָבנ געלײזט די קאָנפליקטנ אינ די ארבעט־פראגנ אינ די אינטערעסנ פונ די אונטערנעמער מיט דער הילפ פונ דער פאָליצײ. דער מיניסטער פאר פאָלקווירטשאפט שמידט האָט אָנהײב יול פראָקלאמירט דעם פרינציפ פונ רענטאבלקײַט פונ דער קאפי־טאליסטישער ווירטשאפט, מיט אנדערע ווערטער—ער האָט דערקלערט, אז דאָס אנטשײדנדיקע איז בלויז דעם אונטערנעמערס רעווע. נאָכדעם איז געקומענ די פײַערלעכע דעקלאראציע וועגנ דער אומבארירלעכקײַט פונ די גרויסע פארמעגנס און פונ די קאפיטאלנ פונ די אוניווערמאגנ. די קאמפס־פארבאנדנ פונ די האנטווערקער און קלײנע הענדלער זײַנענ פאנאנ־דערגעלאָזט געוואָרנ. אזויארום הײבט אָנ די אָפּנארערישע סאָציאלע דעמא־גאָגיע צו פארלירנ איר ווירקונג, ווי נאָר אונדז גיט זיכ אײַנ צו ברענגענ אינ באוועגונג די מאסנ. קעגנ די ארבעטער איז אוועקגעלאָזט געוואָרנ אינ גאנג א פארשטארקטער טעראָר, קעדײ צו דערשטיקנ זײער שלאכט־באוועגונג. זעקס העלדישע, דרײסטע רעוואָליוציאָנערע קעמפער, צווישנ זײ דער אומפארגעסלעכער אוגוסט ליטגענס פונ אלטאָנע, וועלכער האָט אויכ אפנ עשאפאָט הויכ געהאלטנ די פאָנ פונ דער רעוואָליוציע, האָט היטלערס רעגירונג געקעפט.

4. פאָרויס צו אָרגאניזירנ זעלבשטענדיק דעמ קאמפ

פאר דער קאָמוניסטישער פארטיי איז געשטאנענ אונ הערט ניט אופ צו שטיינ די גרונט-אופגאבע—פאנאנדערצוּוויקלענ די אנטיפאשיסטישע ארויסטרעטונגענ אפ דער באזע פונ אײנהײט-פראָנט דורכ אריבערגיינ פונ אגיטאציע צו פאנאנדערוויקלענ אפנ ברייטסטנ אויפנ די דאָזיקע ארויסטרעטונגענ אפ א העכערנ ניוואָ. אינעמ צענטער פונ די דאָזיקע ארויסטרעטונגענ דארפנ שטיינ אונדזערע קלאסנ-פאָדערונגענ, דארפ זיכ ארויסווײזנ דאָס פּאָנעמ פונ דער קאָמפארטיי פונ דײטשלאנד אונ פונ דער רעוואָליוציאָנערער פּראָפּאָזיציע, די עקאָנאָמישע שטרײקנ דארפנ איבערוואקסנ אינ פּאָליטישע.

דער צענטראל-קאָמיטעט פונ אונדזער פארטיי האָט אינ זײנ אופרופ וועגנ דעמ „קאמפ פאר סאָציאליזמ אונ פרײהײט“ אונ אינ דעמ „אָפענעמ בריוו צו די סאָציאל-דעמאָקראטישע ארבעטער“ דערקלערט די גרונט-ליניע פונ אונדזער טאקטיק אפ דער איצטיקער אנטוויקלונג-פאזע. מיר האָבנ גערופנ די קאָמוניסטישע, סאָציאל-דעמאָקראטישע אונ קריסטלעכע ארבעטער, אלע אנטיפאשיסטישע עלעמענטנ: „ארבעטער פונ דײטשלאנד, פאראייניקט זיכ אפ אראָפּווארפנ די פאשיסטישע דיקטאטור פונעמ קאַ-פיטאל!“ קעדיי צופירנ די מאסנ צו גרעסערע שלאכטנ, האָבנ מיר אלס גרונט-רינגענ ארויסגערוקט 5 דירעקטע אופגאבנ: קאמפ קעגנ דער סאָ-ציאלער רעאקציע, קעגנ דעמ טעראָר, קעגנ דער שאָוויניסטישער אגי-טאציע פאר מילכאָמע, קעגנ די מיליטערישע באוואָפענונגענ, קעגנ צו-גרייטנ א קאָנטררעוואָליוציאָנערע מילכאָמע קעגנ פססר. אינ צוזאמענהאנג מיטנ פארווערנ דעמ לאָזונג וועגנ דער „צווייטער ריעוואָליוציע“, וואָס די אָנהענגער פונ פאשיזמ האָבנ געהאט פּראָפּאגאנדירט, איז אינ אונדזער אופרופ געזאָגט געוואָרנ:

„מיטנ פאראייניקנ דעמ ארבעטער-קלאס אינ קאמפ קעגנ דער פא-שיסטישער דיקטאטור מארשירט די צווייטע רעוואָליוציע, די פראָלעטא-רישע רעוואָליוציע, די באָלשעוויסטישע רעוואָליוציע, אונ בלויז זי וועט ברענגענ ארבעט, ברויט אונ פרײהײט.“

5. די באדײטונג פונ שטרײקנ

דער עקאָנאָמישער אונ פּאָליטישער שטרײק, דער מאסנ-שטרײק איז די אנטשיידנדיקע קאמפ-פאָרמ אינעמ איצטיקנ פעריאָד, ווענ פאר אונדז שטייט די גרונט-אופגאבע צוצופירנ דעמ פּראָלעטאריאט אינ פּראָצעס פונ די פּאָליטישע אונ עקאָנאָמישע טיילווײזע שלאכטנ צו די אנטשיידנדיקע קלאסנ-געראנגלענ, צומ אלגעמיינעמ שטרײק אונ צומ אלגעמיינעמ אופ-שטאנד. דער שטרײק פונ די בערלינער טראנספּאָרט-ארבעטער האָט בא-וויזנ, וויאזוי אינ פּראָצעס פונעמ דאָזיקנ קאמפ וועט דער ארבעטער-

קלאַס, אונטער דער רעוואָליוציאָנערער אָנפירונג, דער העגעמאָנ פונ די אַרבעטנדיקע מאַסנ, וויאַזוי עס פאַרשווינדט די קאָנקורענצ צווישנ די אַרבעטער, וואָס די בורזשואַזיע האַלט זי אונטער, אונ איר אָרט פאַרנעמט סאָלידאַריטעט, מעסירעסנעפעש אונ העראָיִזמ פונ די אַרבעטער, וויאַזוי דער ביישפּיל פונ איינ מאַסנ־שטרייק צינדט אָנ מיט ענטוזיאַזמ די אַרבעטער פונ גאַנצנ לאַנד, וויאַזוי דער גוואַלדטאַט פונעמ מעלוכע-אַפּאַראַט אונ דער פאַשיסטישער טעראָר הייבנ אָנ צו פאַרלירנ זייער ווירקונג אַפ די אַרבעטער־מאַסנ אונ וויאַזוי דער גאַנצער פּאָליטישער איבערגעבוי פונ דער בורזשואַזער געזעלשאַפט הייבט זיכ אָנ צו וואַקלענ.

יעדער שטרייק, וואָס גייט דורכ אונטער דער רעוואָליוציאָנערער אָנפירונג אינ די אינדוסטריעלע צענטערס—אינ בערלינ, אינ רורער געגנט, אינ פּאָמערנ, פירט פונ אומצופרידנקייט, פונ פאַרביטערונג אונ האַס, וואָס האָבנ זיכ אָנגעזאַמלט אַלס רעזולטאַט פונעמ טעראָר אונ פונ באַרויבנ די אַרבעטער אינ די אונטערנעמונגענ, צו אַ מעכטיקנ אופשטייג פונעמ רעוואָליוציאָנערנ ווילנ פונ די מאַסנ צומ קאַמפ. איכ וועל דאָ דערמאָנענ לענינס ווערטער, וואָס ער האָט געזאָגט אינ אָנהייב 1913 יאָר אינ צוזאַמענהאַנג מיטנ נייעמ רעוואָליוציאָנערנ אופשטייג, וועגנ דער באַדייטונג פונ שטרייק אַלס מיטל פונ דער אַלגעמיינער מאָביליזאַציע פונעמ קלאַס:

> „דאָס דאָזיקע מיטל איז דער רעוואָליוציאָנערער שטרייק, דער אַקשאָנעסדיקער שטרייק, וואָס וואַרפט זיכ איבער פונ אָרט צו אָרט, פונ איינ עק לאַנד צומ צווייטנ, דער שטרייק, וואָס כאַזערט זיכ איבער, — דער שטרייק, וואָס הייבט אופ די אָפּגעשטאַנענע צו אַ נייעמ לעבנ דורכ קאַמפ פאַר עקאָנאָמישע פאַרבעסערונגענ...“ *

6. די עלעמענטנ פונעמ רעוואָליוציאָנערנ אופשטייג

אונטערנ טעראָריסטישנ יאָכ פונ די קאָנצענטראַציע-לאַגערנ אונ פונעמ פאַרבאָט צו שטרייקנ אינ דייטשלאַנד איז איצט אַ סאַכ שווערער צו פאַבאַנדערבינדנ אומאָפּהענגיקע שטרייקנ אונטער דער רעוואָליוציאָנערער אָנפירונג, מיט רעוואָליוציאָנערע קלאָרע קלאַסנ-לאָזונגענ. אינעמ ערשטנ פעריאָד פונ דער פאַשיסטישער דיקטאַטור פלעגנ די שטרייק-באַוועגונגענ פונ די אַרבעטער טיילווייז זיכ פאַנאַנדערוויקלענ אינ די ראַמענ פונ די סאָציאַל-דעמאַגאָגישע לאָזונגענ אונ מאַנעווערנ פונ די נאַציאָנאַל-סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס. הײַנט אָבער געפינענ מיר זיכ אינ אַזאַ פעריאָד, ווענ יעטווידע זעלבשטענדיקע שלאַכט־אַרויסטרעטונג פונעמ אַרבעטער־קלאַס שטויסט זיכ אָנ אַפנ ווילדנ ווידערשטאַנד פונ דער מעלוכע-מאַכט אונ פונ אַלע רעאַקציאָנערע קרעפטנ. אָבער אינ דער זעלבער צייט פאַרגרעסערט גוואַלדיק דער דאָזיקער אומשטאַנד די גרויסע באַדייטונג פונ אַזוינע

* לענינ, באַנד XVI, זייט 244, צווייטע אופלאַגע.

שלאכט-ארויסטרעטונגענ אינ זינ פונ רעוואָליוציאָניזירנ די מאסנ אונ פונ צעטרייסלענ די יעסוידעס פונ דער פאשיסטישער דיקטאטור.

אינ דײַטשלאנד זײַנענ גרויסע שטרײַקנ נאָכ ניט צאָלרײַכ, אָבער עס איז שוינ פאראנ א גרויסע צאָל טיילווײַזע שטרײַקנ, וואָס זײַנענ אָפטמאָל פּאָליטיש פארשארפט קעגנ דעמ פאשיזמ אונ קעגנ היטלערס רעגירונג. איכ וויל ברענגענ בלויז עטלעכע בײַשפּילנ פונ דער דערפארונג פונ די לעצטע כאדאָשימ.

אינ פארשיידענע שאכטעס פונ רורער געגנט האָבנ די אדמיני-סטראציע אונ די פאשיסטישע אָנפירונג געפרווט אראָפּזעצנ דעמ אר-בעטלוינ. אונדזערע זאוואָדישע קעמערלעכ האָט זיכ אײַנגעגעבנ מיט דער הילפ פונ בלעטלעכ צו מאָביליזירנ די ארבעטער-מאסע. ווענ די מיטיילונג וועגנ אראָפּזעצנ דעמ ארבעטלוינ האָט זיכ באוויזנ אפנ טאָוול פאר מעלדונגענ, האָבנ אלע ארבעטער דערקלערט א שטרײַק. אינ אייניקע שאכ-טעס איז געווענ גענוג, די ארבעטער זאָלנ בלויז א סטראשע טאָנ מיט א שטרײַק, אז די אונטערנעמער זאָלנ זיכ אָפּזאָגנ פונ אראָפּזעצנ דעמ אר-בעטלוינ. אינ עלבערפעלד האָבנ די פאָרשטייער פונ דער אדמיני-סטראציע געפרווט צווינגענ די ארבעטער צו באטייליקנ זיכ אינ א פא-שיסטישער דעמאָנסטראציע. אָבער צוויי דריטל ארבעטער האָבנ זיכ אָפּגע-זאָגט צו באטייליקנ זיכ אינ איר. אפנ אווטאָמאָביל-זאוואָד ביסינג אינ האנאָווער האָבנ די ארבעטער באשלאָסנ ניט געבנ מער קיינ שומ אָפּצאָלנ. עס איז פאראנ א גאנצע ריי מיטיילונגענ, אז די ארבעטער האָבנ זיכ אָפּגע-זאָגט אײַנצושאפנ זיכ די אוניפאָרמ פונ נ. ס. ז. אָ. אונ די פאשיסטישע פאָנעס. אינ זאָלינגענ האָבנ די שלײַפער אינ א מעטאל-אונטערנעמונג דרײַ מאָל אינ פארלויפ פונ איינ טאָג אָפּגעשטעלט די ארבעט אלס פראָ-טעסט קעגנ דעמ שלעכטנ מאטעריאל. אינ א מעטאל-זאוואָד אפנ נידער-ריינ האָבנ די ארבעטער לויט דער איניציאטיוו פונ דער רעוואָליוציאָ-נערער פראָפּאָפּאָזיציע געפאָדערט העכערנ דעמ ארבעטלוינ אפ 20 פראָצ. דער אונטערנעמער איז אײַנגעגאנגענ אפ א 10-פראָצענטיקער העכערונג, אָבער די ארבעטער האָבנ מיט דער הילפ פונ א פאסיוונ ווידערשטאנד זיכ דערשלאָגנ א העכערונג פונעמ ארבעטלוינ אפ 15 פראָצ. ווענ די ארבע-טער האָבנ אָנהייב נאָיאבער אינ די שאכטעס, וואָס געהערנ צומ פאשיס-טישנ מעלוכישנ ראטגעבער טיסענ, דערקלערט א שטרײַק קעגנ דער פאר-שטארקונג פונ דער שוויצ-סיסטעמ, האָט טיסענ באפוילנ צו ארעסטירנ 100 ארבעטער. ניט געקוקט אפ דעמ, האָט דער שטרײַק ניט אופגעהערט. די ארבעטער פונ א שטאָלגוס-זאוואָד אינ רורער געגנט האָבנ טייקעפ דערקלערט א שטרײַק קעגנ דער 10-פראָצענטיקער אראָפּזעצונג פונעמ אר-בעטלוינ. אינ רעזולטאט פונעמ שטרײַק איז דער ארבעטלוינ ניט אראָפּ-געזעצט געוואָרנ.

א גרויסע באדײַטונג האָט דער שטרײַק אינ איינעמ א שטאָלגוס-זאוואָד אפ נידער-ריינ, ווײַל דער דאָזיקער שטרײַק איז דער ערשטער

ביישפיל, וואָס ווײַזט העכערע פאָרמען פון קלאַסעווער אָרגאַניזירונג פון די ארבעטער אין די באדינגונגען פונעם אָנוואַקסנדיקן קאמף פון די ארבעטער־מאסן. די אונטערנעמער האָבן געמאָלדן, אז זיי זעצן אראָפ אפ 10 פראָצ. דעם ארבעטלוין און די שטיקארבעט־טאריפן בא 700 ארבעטער פון דער דאָזיקער אונטערנעמונג. די גרופע רעוואָליוציאָנערע פראָפאָפאָזיציע האָט טייקעף ארויסגערוקט דעם לאָזונג: „ווײַלט אויס א דעלעגאציע אפ ארויסשטעלן אונדזערע פאָדערונגען דער אדמיניסטראציע". דעם דאָזיקן פאָרשלאָג האָבן באגײַסטיקט אַלע ארבעטער, אײַנגעשלאָסן אויך די מיטגלידער פון דער נ. ס. ז. אָ.* ווען די אדמיניסטראציע האָט זיך אָפגעזאָגט אופצונעמען די דעלעגאציע, האָט אונדזער גרופע ר. פ. אָ. (רעוואָליוציאָנערע פראָפאריינישע אָפאָזיציע) גערופן די ארבעטער צו א שטרײַק. דער שטרײַק איז סאָלידאריש דורכגעפירט געוואָרן. די אָנפירערשאפט פון דער פאשיסטישער קרײַז-אָרגאניזאציע האָט געפאָדערט, אז די ארבעטער זאָלן טייקעף זיך צוריקשטעלן צו דער ארבעט, ווײַל אין קעגנפאל וועלן די אונטערהאנדלונגען מיט די אונטערנעמער ניט געפירט ווערן. אָבער דער דאָזיקער שטרײַקברעכערישער מאנעוור האָט זיך ניט אײַנגעגעבן. סאָפקאָלסאָפ איז די אדמיניסטראציע געווען געצווונגען צו גיין אפ האנאָכעס און אָפזאָגן זיך פון אראָפזעצן דעם ארבעטלוין. אונדזערע כאווײרים האָבן אין א ספעציעלן בלעטל טייקעף דערקלערט, וואָס עס לערנט דער דאָזיקער שטרײַק. זיי האָבן געשאפן אן אונטערשטע פראָפאריינישע אָרגאניזאציע, וואָס האָט געדינט אלס אָנהייב פון אן אומאָפהענגיקן קלאסנפראָפאריין. די גרופע נ. ס. ז. אָ. איז צעפאלן,—די פאשיסטן זײַנען געווען געצווונגען פאנאנדערצולאָזן זי,—זיי זײַנען מיט איר ניט געווען זיכער.

אז די לאַגע אין די אונטערנעמונגען האָט זיך פארשארפט, איז צו זען אויך פון די מאָסמיטלען קעגן די בונטעווענדיקע ארבעטער, וואָס די פאשיסטן זײַנען איצט געצווונגען צו באנוצן. עס גייט ניט אוועק א טאָג, אז די פאשיסטישע פאָליציי זאָל ניט מאכן קיין זאָנפיען אפ די אונטערנעמונגען, יאָגנדיק זיך נאָך קאָמוניסטישע בלעטלעך און נאָך די ארבעטער, וואָס פארשפרייטן זיי. אפ א שטאָלגוס־זאוואָד אין מיטל־דײַטשלאנד האָט די אדמיניסטראציע געמאָלדן, אז מע וועט די ארבעטער פארהאלטן אין דער אונטערנעמונג אזוי לאנג, ביזוואנען עס וועלן ניט באזײַטיקט ווערן אַלע קאָמוניסטישע לאָזונגען און עס וועלן ניט פארניכטעט ווערן אַלע קאָמוניסטישע בלעטלעך. די ארבעטער האָבן אפ דעם דאָזיקן סטראשונעק געענטפערט מיט אן איטאליענישן שטרײַק און זײַנען סאָפקאָלסאָפ אוועקגעגאנגען פון דער אונטערנעמונג.

נאָך מיט אייניקע כאדאָשים צוריק פלעגן אזוינע טעראָריסטישע פאָליציי־מאָסמיטלען ארויסרופן אין א געוויסער מאָס געדריקטע שטימונגען בא א באדײַטנדיקן טייל ארבעטער. איצט ברענגען די דאָזיקע מאָסמיטלען

* נאציאָנאל־סאָציאליסטישע זאוואָדישע אָרגאניזאציעס.

אינ דער מערהײַט פאלנ דערצו, אז די שלאַכט-גרייטקײַט פונ די ארבעטער וואקסט אונ פארטיפט זיכ. נאָכ די אונטערזוכונגענ אינ די אונטערנעמונגענ ווערנ געווײנלעכ פארשפרייט נײַע בלעטלעכ. ס'איז אויכ כאראקטעריסטיש, אז די מעסירעס מיצאד די ארבעטער, וואָס זײַנענ מיטגלידער פונ דער נ.ס.ז.אָ., ווערנ אלצ זעלטענער. אָפטמאָל דערשלאָגנ זיכ די ארבעטער מיט דער הילפ פונ א שטרײַק, אז מע זאָל צוריק צונעמענ אפ דער ארבעט די ארעסטירטע כאווײרימ. דער פאָרזיצער פונ דעמ „דײַטשישנ ארבעט-פראָנט" דער פאשיסט ליי האָט אינ נאָמענ פונ דער רעגירונג געגעבנ דער פאָליציי א דירעקטיוו אופהערנ די טעראָריסטישע אקטנ אונ ארעסטנ אינ די אונטערנעמונגענ, ווײַל אזוינע מאָסמיטלענ רופנ בלויז ארויס א ווײַטערדיקע יוירונג בא די ארבעטער.

דער וווּקס פונ די קאמפ-שטימונגענ אינ די אונטערנעמונגענ ווײַזט זיכ ארויס אויכ אינ דעמ, וואָס די פאשיסטנ זײַנענ געצווּנגענ אָנצוווענדנ נײַע מאנעוורעס בענעגייע די ארבעטער. אזוי זאָגט צו די ארבעטער דער שויב דערמאָנטער אָנפירער פונעמ „דײַטשישנ ארבעט-פראָנט" צו העכערנ אינ פרילינג דעמ ארבעטלוינ אפ 10 פראָצ., אראָפזעצנ די פרײַזנ אונ געבנ א דרײַוואָכיקנ אורלויב, אפאָנעמ, ניט צאָלנדיק פאר דער צײַט דעמ ארבעט-לוינ. היטלער איז געווענ געצווּנגענ ארויסצוטרעטנ אפ סימענס זאוואָד אינ בערלינ, קעדיי צו בארויִקנ די ארבעטער. די פאשיסטנ האָבנ זיכ געמוזט אָפזאָגנ פונ דער גרויסער קאמפאניע אונטער געבעלסעס אָנפירונג אפ דורכפירנ 150 טויזנט פארזאמלונגענ אפ די זאוואָדנ, וואָס וועגנ דעמ האָט מענ געלאָזט ווייסנ נאָכ מיט צוויי כאדאָשימ צוריק. די פאשיסטנ האָבנ מוירע געהאט, אז אפ די דאָזיקע זאוואָדישע פארזאמלונגענ וועט זיכ בא די ארבעטער-מאסנ דורכרײַסנ דער אָנגעזאמלטער האס צומ פאשיזמ. איצט שטרעבנ זיי צו געווינענ צײַט אונ צו בארויִקנ די ארבעטער מיט נײַע דעמאגאָגישע מאנעוורעס. זיי נעמט ארומ א גרויל באמ געדאנק, אז די קאָמוניסטנ בינדנ פאנאנדער א שטרײַק-באוועגונג אינ בערלינ, אינ האמבורגער ראיאָנ אונ אינ רוערער געגנט — א באוועגונג, וואָס איז מיט איר גאנצער קראפט געווענדט קעגנ דעמ פאשיסטישנ רעזשימ.

צוגלײַכ מיט די אונטערנעמונגענ וואקסנ די קאמפ-שטימונגענ בא די ארבעטער אויכ אינ די פראָפאריינענ, וואָס די פאשיסטנ האָבנ „אוניפיצירט", אונ אינעווייניק אינעמ „דײַטשישנ ארבעט-פראָנט". די פראָפאריינישע פארזאמלונגענ ווערנ אלצ מער פארוואנדלט אינ א צענטער פונ דער רעוואָליוציאָנערער אגיטאציע. א ריי פארזאמלונגענ פונ די פראָפאריינענ האָט אונדזער אָפאָזיציע ארויפגעריסנ, אונ די פאשיסטישע קאָמיסארנ זײַנענ געווענ געצווּנגענ פארנינפטיק צוריקצוציִענ זיכ, ניט האָבנדיק אויסגעפילט די אויפגעבונגענ, וואָס זײַנענ פאר זיי געשטעלט געוואָרנ. ווענ די פאשיסטנ האָבנ פארווערט ארויסטרעטנ אפ די פארזאמלונגענ מיט דיסקוסיע-רעדעס, האָט די אָפאָזיציע גענומענ אָנווענדנ די פאָרמ פונ פראגנ, וואָס פלעגנ אויפדריקנ די פאָדערונגענ פונ די ארבעטער. עס זײַנענ געווענ פאלנ, ווענ באמ

אָפּשטימענ די פראגע פונעמ פאשיסטישנ קאָמיסאר, ווער פונ די פארזאמלטע האלט זיכ נאָכ פאר א מארקסיסט, פלעגנ 80־90 פראָצ. אָנטיילנעמער פונ דער פארזאמלונג זיכ אופשטעלנ צו באשטעטיקנ דאָס. דער רעזולטאט פונעמ ווּקס פונעמ דאָזיקנ אָפּענעמ ווידערשטאנד איז געווענ דאָס, וואָס די פאשיסטישע ביוראָקראטיע האָט זיכ קימאט פולשטענדיק אָפּגעזאָגט צונויפרופנ פארזאמלונגענ פונ די פראָפּאריינענ.

אינ די ארבעטפליכט-לאגערנ ווערנ אלצ אָפטער די פאלנ פונ ניט אונטערוואַרפנ זיכ דער מאכט אונ שטרײַקנ פונ דער ארבעטער-יוגנט, דערבײַ דערגייט עס ניט זעלטנ ביז פאנאנדערלאָזנ די לאגערנ. פאר די לעצטע כאדאָשימ האָבנ אינ די לאגערנ בלויז שטרײַקנ דערגרייכט די צאָל 280; צוגלײַכ מיט די שטרײַקנ איז אויכ פאראנ א קאָלאָסאלע צאָל קלענערע ארויסטרעטונגענ פונ די ארבעטער. אויכ דער קאָמיוג פירט אפ א שלאכט־אויפנ אנ ארבעט אינ א ריי גרויסע אונטערנעמונגענ, ווו די ארבעטער־לערנייִנגלעכ וויַיזנ ארויס א ווידערשטאנד קעגנ דעמ אָבליגאטאָרישנ פארנעמענ זיכ מיט מיליטערישנ ספאָרט אונ פאָדערנ געצאָלט פאר דער ארבעטצײַט, וואָס ווערט בא זיי אָפּגענומענ. איצט ווערנ די יוגנטלעכע סעקציעס פונ נ.ס.ז.אָ. אריבערגעפירט אינ דער אָרגאניזאציע פונ דער היטלערישער יוגנט. די פאשיסטנ האָפנ אזויארומ קעגנצווירקנ דער אָנוואקסנדיקער פראָטעסט־באוועגונג אינ די ארבעטפליכט-לאגערנ אונ אינ די צעכנ, ווו עס ארבעטנ די יוגנטלעכע — די לערנייִנגלעכ.

סימפּטאָמענ פונ רעוואָליוציאָנערנ אופשטײַג זײַנענ באזונדערס קאָנטיק אינ די ארבעטער-קווארטאלנ פונ די גרויסע אונ מיטעלע שטעט. דער רעוואָליוציאָנערער האס קעגנ היטלערס רעזשימ האלט אינ איינ וואקסנ. אויב הײַנט נעמט נאָכ דער דאָזיקער האס ניט אומעטומ אָנ די פאָרמ פונ גרויסע קלאסנ־ארויסטרעטונגענ, פארשטארקט ער אָבער יעדנפאלס די באוווסטזיניקע שלאכט־גרייטקײַט פונעמ ארבעטער־קלאס אונ ווירקט מיט דעמ וווּקס פונ די פאָרהאנאָכעס פאר אזוינע קלאסנ־ארויסטרעטונגענ. דער רעאקציאָנערער פראנצויזישער זשורנאליסט זאוערווײַנ, וואָס כיינדלט זיכ צו די פאשיסטנ, האָט אזוי באשריבנ אינ דער פאריזשער צײַטונג „פארי סואר" זײַנע אײַנדרוקנ פונ זײַנ באזוכנ די ארבעטער-קווארטאלנ אינ בערלינ:

„ווענ דו פאלסט ארײַנ אינ די מיזרעכדיקע אָדער צאָפנדיקע קווארטאלנ פונ בערלינ, וואָס געפינענ זיכ אפ דער גרענעצ פונ יענעמ טייל בערלינ, וואָס רופט זיכ אָנ „רויטע שטאָט", ווו די שווארצע היטלענ פארבײַטנ די ברוינע היטלענ פונ די שטורמאָוויקעס, ווערט די אטמאָספער א דראָענדיקע. אומעטומ זעסטו מענטשנ, וואָס שטייענ אינ קליינע גרופּעס... צײַטנווײַז ווערנ די שטימענ נאָכ מער געהיימניספול, די פּענעמער נאָכ מער פארבאהאלטנ... עס זײַנענ פאראנ אינ בערלינ גאסנ, וואָס,—אויב דער האס וואָלט געקאָנט דערהארגענענ, — וואָלט פונ דאָרט קיינ איינ פאשיסט ניט ארויס קיינ לעבעדיקער".

אויב דעמ 1־טנ מײַ, דעמ טאָג, ווענ די פאשיסטנ האָבנ אָרגאניזירט

א „יאָנטעוו“, איז אונטערנ דרוק פונעמ טעראָר קימאט אפ יעדנ הויז אינ די ארבעטער-קוואַרטאַלנ געווענ אויסגעהאנגענ א פאָנ מיטנ האקנקרייצ, זיינענ דעמ 6-טנ אווגוסט בייסנ בערלינער פאראד פונ די נאציאָנאל-סאָציאַליסטנ גאנצע גאסנ געבליבנ אָנ פאָנעס, ניט געקוקט אפ דעמ, וואָס די פאשיסטנ האָבנ, ווי פריער, אָנגעווענדט טעראָר. דעמ זעלבנ טאָג האָבנ די רעוואָליוציאָנערע ארבעטער אינ בערלינ אָרגאניזירט אינ פארשיידענע ערטער 18 דעמאָנסטראציעס. א גאנצע ריי אנדערע ווייניקער באדייטנדיקע סימפטאָמענ כאראקטעריזירנ דעמ וווּקס פונ דער פיינטלעכער באציונג פונ די ארבעטער צו די פאשיסטנ אונ די קאמפ-שטימונגענ, וואָס שפיגלענ זיכ אָפּ אויכ אינעמ לעבנ פונ דער גאס. דאָס זעלבע קאָנ מענ זאָגנ אויכ וועגנ דער פאָזיציע פונ קליינבירגערטומ.

ווידעראמאָל האָבנ זיכ אָנגעהויבנ שמועסנ, שטרייטנ אונ אפילע שטעכווערטלעכ בענעגייע היטלערס רעגירונג. אזוי, לעמאָשל, פרעגט אנ ארבעטערפרוי אינ א קראָמ, צי האָבנ זיכ ווידעראמאָל ניט אופגעהויבנ די פרייזנ. דער קרעמער ענטפערט: „וועגנ דעמ דארפט איר געוווּיר ווערנ בא היטלערנ“. אפ די ארבעט-בירזשעס וויצלט מענ זיכ וועגנ דער קלוימערשט ליקווידירטער ארבעטלאָזיקייט, וועגנ די פייערלעכע פאראדנ פונ היטלערס רעגירונג. די קינדער זינגענ אפ די גאסנ א לידל:

„קומ, הער היטלער, זיי אונדזער גאסט אונ גיב אונדז א העלפט פונ דעמ, וואָס דו האָסט צוגעזאָגט.“

די פאָדערונג, אז מע זאָל אופהייבנ די האנט אלס צייכנ פונ דער היטלערישער באגריסונג אונ סאַליוטירנ די היטלערישע פאָנ, וואָס די פאשיסטנ האָבנ די ערשטע צייט דערצו געצווּנגענ, רופט ארויס אינ די ארבעטער-קוואַרטאַלנ א פארביטערונג אונ שטויסט זיכ אָנ אפ אנ אָפּזאָג. אומעטומ — צווישנ די ארבעטער, צווישנ דעמ קליינבירגערטומ אונ פויערטומ פארשטארקנ זיכ די אומצופרידנקייט אונ אופרעגונג קעגנ דעמ פאשיסטישנ רעזשימ. די מאסנ-באזע פונעמ פאשיזמ הייבט אָנ אלצ מער צו פארשמעלערנ זיכ, אונ די אָפּנארערישע סאָציאַלע דעמאגאָגיע פארלירט ביסלעכווייז איר צוציונג-קראפט. אינ דער זעלבער צייט וואַקסט די צוציונג-קראפט פונ די קאָמוניסטנ. אפילע דער קליינבירגער, האגאמ מוירע האָבנדיק א ביסל, נעמט דאָס אגיטאציע-בלעטל פונ די קאָמוניסטנ. דאָס מאסערנ אפ די קאָמוניסטנ אינ די הייזער, ווו עס וווינענ ארבעטער, אינ די בירהאַלעס אונ אונטערנעמונגענ איז געוואָרנ א פיל מער זעלטענע דערשיינונג. די ארבעטער אליינ לייגנ פאָר די קאָמוניסטנ צו באשיצנ זיי פונ די פאשיסטישע פארפאָלגונגענ אונ געבנ זיי אנ אומלעגאַלע דירע. אונדזערע כאווערימ געלינגט אפילע צו שמועסנ אינ די דערפער מיט די קליינפויערימ, דערביי גיבנ די פויערימ זיי ניט ארויס די פאשיסטנ.

דער וווּקס פונעמ רעוואָליוציאָנערנ אופשטייג ווייזט זיכ ארויס אויכ אינ די שטורעמ-אָטריאַדנ פונ היטלערס „ברוינער“ ארמיי. טאָג-איינ טאָג-אויס אנטוישט מענ זיכ אלצ מער אינ דער פאָליטיק פונ היטלערס רעגי-

רונג, אנטוישט מען זיך אין צוזאמענהאנג מיטן אָפּשטעלן די אַזויגערופענע נאַציאָנאַלע רעוואָלוציע, מיטן איינהיטן די מאכט פונעם מאָנאָפּאָליסטישן קאַפּיטאַל. די געוויינלעכע מיטגלידער פון די שטורעם-אָטריאַדן שטייען אויף קעגן די נייע פּאַרטיישע באַאמטע, וואָס זשעניִרן זיך גאָר ניט און שיקערן און פרעסן, וויפל עס גייט נאָר אַריין. די צאָל שטורמאָוויקעס, וואָס ווערן אַרעסטירט פאַר בונטן און פּאָליטישן פאַרדאַכט איז אַזוי גרויס, אַז מע האָט געמוזט שאַפן אַ ספּעציעלן קאָנצענטראַציע-לאַגער פאַר שטורמאָוויקעס. די וואַך-קאָמאַנדעס פון די שטורמאָוויקעס, וואָס זיינען אויסגעטיילט אויף היטן די אַרעסטירטע, בייטן זיך אַלץ אָפטער, ווייל מיט די קאָמאַנדעס ווערט מען אַלץ מער ניט זיכער. צווישן די שטורמאָוויקעס—מיטגלידער פון די נ.ס.ז.אָ. קאָן מען אָפטמאָל הערן אַזאַ פערז: „היטלער, אויב דו גיסט אונדז ניט קיין אַרבעט און ברויט, — וועלן די ברוינע אָפּטיילונגען ווערן רויט."

אין דער היטלערישער אַרמיי וואַקסן די ווידערשפּרוכן צווישן די שטורמאָוויקעס און די שוץ-אָטריאַדן — היטלערס אָפּגעקליבענעם מיליטער. עס וואַקסן אויך די ווידערשפּרוכן צווישן די באַוואָפנטע פאָרמירונגען און די פאַבריק-זאַוואָדישע אַרבעטער — די מיטגלידער פון נ. ס. ז. אָ., דערביי וואַקסן אויס די דאָזיקע ווידערשפּרוכן אין דירעקטע צוזאַמענשטויסן.

עלעמענטן פון אַ נייעם רעוואָלוציאָנערן אויפשטייג אַנטפּלעקן זיך אין דער ערשטער ריי אין דער אַקטיוויזירונג און פאַרברייטערונג פון די אָרגאַניזירטע קאַדרען רעוואָלוציאָנערן אַוואַנגאַרד. יענע פּאַרטיי-מיטגלידער און מיטפילנדיקע, וואָס זיינען אין פאַרלויף פון די ערשטע וואָכן און כאַדאָשים פון היטלערס דיקטאַטור, אונטער דער ווירקונג פונעם טעראָר, אַ ביסל אַוועק פון דער פּאַרטיי, גיבן זיך איצט ווידער איבער אין רעשוס פון דער פּאַרטיי. די אַגיטאַציע-מאַטעריאַלן, וואָס ווערן אַרויסגעגעבן לויט דער איניציאַטיוו פון די קעמערלעך, וואַקסן סיי קוואַנטיטאַטיוו סיי קוואַליטאַטיוו. אויך די מינדלעכע אַגיטאַציע הייבט אָן צו שפּילן אַלץ אַ גרעסערע ראָליע. דאָס אָריענטירן זיך פעסט אויף די אונטערנעמונגען מיצאַד דער פּאַרטיי דריקט זיך אויס אין שאַפן נייע קעמערלעך אין די אונטערנעמונגען. די פּאַרטיי-קעמערלעך שטעלן איין פאַרבינדונגען מיט די אַרבעטסלאָזע-לאַגערן און מיטן דאָרף. די אַרבעטער, וואָס האָבן שוין געהאַט פאַרלאָרן די פאַרבינדונג מיט דער פּאַרטיי, טרעטן מוטיק אַרויס פאַר דער פּאַרטיי און פאַרברייטערן דעם קריַיז אַרבעטער, וואָס פילן אַקטיוו מיט דער פּאַרטיי.

די אַרבעטער הייבן אָן צו פאַרלירן די מורא פאַרן פאַשיסטישן טעראָר. די אַרבעטער ריזיקירן מוטיק מיט זייער קאָפּ פאַר דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, פאַרן קאַמף קעגן דעם פאַשיסטישן רעזשים. אין דער פּאַרטיי וואַקסן נייע קוואַליטאַטיוו-הויכע אונטערשטע קאַדרען אויף פאַרטיידיקן די זאַך פון דער רעוואָלוציע.

היטלערס רעגירונג אַליין באַשטעטיקט מיט אירע מאָמענטלעך, אַז די

קרעפטנ פונ קאָמוניזמ האלטנ אינ איינ וואקסנ. די פאשיסטישע פרעסע האלט אינ איינ „וואָרענענ די, וואָס פארשפרייטנ בייזוויליקע קלאנגענ", אונ דראָעט די „קאָמוניסטישע אגיטאטערס מיט טעראָר". היטלער, געבעלס אונ גערינג, איינער ווילדער פונ דעמ צווייטנ, גראָמירנ זייערע רעדעס, וואָס זייַנענ פול מיט האס, דעמ זעלבנ קאָמוניזמ, וועגנ וועלכנ זיי האָבנ ערשט מיט עטלעכע כאדאָשימ צוריק באהויפטעט, אז זיי האָבנ אימ אפ שטענדיק פארניכטעט. די געהיימ-פאָליציי גיט דער פרעסע דירעקטיוונ ניט צו פארעפנטלעכנ קיינ יעדיִעס וועגנ די ארעסטנ, אָנפאליִענ אונ וועגנ די דערפאָלגנ פונ דער קאָמוניסטישער אגיטאציע, ווייַל אזוינע יעדיִעס פארשטארקנ די „אומרויִקייט צווישנ דער באפעלקערונג".

דער פראָצעס וועגנ אונטערצינדנ דעמ רייַכסטאג, וואָס האָט געדארפט ארויסרופנ א נייַע כוואליע פאָגראָמ-שטימונגענ קעגנ די קאָמוניסטנ, האָט געבראכט צו קעגנזעצלעכע רעזולטאטנ. ער איז געוואָרנ א טריבונע פונ רעוואָליוציאָנערנ וואָרט, ער האָט אוועקגעזעצט אפ דער באשולדיקונג-באנק די רעגירונג פונ אונטערצינדער אונ אוואנטיוריסטנ. דימיטראָווס נאָמענ איז געוואָרנ א לאָזונג פונ מיליאָנענ ארבעטער אונ רופט ארויס אפילע בא א טייל שטורמאָוויקעס אנציקונג, צווייפלענ אונ וואקלונגענ. די קאָמוניסטנ, אפילע צוגעשמידטע אינ קייטנ, שטייענדיק שוינ אפ די טרעפלעכ פונ עשאפאָט, צווינגענ די פאשיסטישע הערשער צו ציטערנ. א בולעטער בייַשפיל פונ אזא העראָיִזמ פאר די אויגנ פונ די פאשיסטישע טאליאָנימ, א בייַשפיל פונ טויערפעסטער באהעפטונג מיט דער פראָלעטארישער רעוואָליוציע איז אויגוסט ליטגענס, איינער פונ די ארבעטער, וואָס היטלערס רעגירונג האָט געקעפט. ליטגענס האָט פאר דער קעפונג אויסגעשריִענ צו זייַנע פאשיסטישע מערדער: „זאָל לעבנ די פראָלעטארישע רעוואָליוציע! ראָט פראָנט!" (אפלאָדיסמענטנ).

דער אויפגערופענער „פאָלק-פלעביסציט", וואָס איז אָרגאניזירט געוואָרנ דעמ 12-טנ נאָיאבער 1933 יאָר, איז אויכ א באווייַז, אז דער וווקס פונ די רעוואָליוציאָנערע קרעפטנ שטויסט די היטלערישע רעגירונג אינ א גרעסערער מאָס, ווי ביז איצט, אויסצונוצנ דעמ שאָוויניזמ, קעדיי אופהייבנ די געפאלענע שטימונג פונ די מאסנ, פרווונדיק אזויארומ אייַנהיטנ איר מאסנ-באזע. ארויסגייענדיק אפילע פונ די פאלסיפיצירטע אָנגאבנ וועגנ די רעזולטאטנ פונ די וואלנ, איז היטלערס רעגירונג געווענ געצוווּנגענ צו אנערקענענ, אז 3 מיליאָנ 330 טויזנט שטימענ זייַנענ אָפגעגעבנ געוואָרנ קעגנ דער רעגירונג אונ אז 2 מיליאָנ 500 טויזנט ווייַלער האָבנ זיכ אָפגעהאלטנ פונ שטימענ. די רעגירונג איז אויכ געצוווּנגענ צו אנערקענענ, אז אינ די ארבעטער-קווארטאלנ פונ בערלינ אונ האמבורג זייַנענ 16 פראָצ. פונ אלע שטימענ אָפגעגעבנ געוואָרנ קעגנ דער רעגירונג. ס'איז קיינ שומ סאָפעק ניט, אז די דאָזיקע אָנגאבנ זייַנענ בלויז א טייל פונ די שטימענ, וואָס זייַנענ ווירקלעכ אָפגעגעבנ געוואָרנ קעגנ היטלערנ אָדער וואָס האָבנ אלס אויסדרוק פונ פראָטעסט זיכ אָפגעהאלטנ פונ שטימענ. עס זייַנענ

פאַראַנ אָנגאבנ וועגנ א רײַ וואַל-קרײַזנ, ווי 40־50 פראָצ. פונ אלע ווײלער האָבנ געשטימט קעגנ היטלערנ.

בלויז די קאָמוניסטישע פאַרטיי האָט, ניט געקוקט אפנ טעראָר, געפירט אנ ערנסטנ וואַל-קאמפ קעגנ די פאַשיסטנ אונ האָט אַרײַנגעגעבנ אינ די מאסנ מוט צו ענטפערנ אפ דער פראגע, וואָס היטלער האָט געשטעלט, מיט א פעסטנ „ניינ!" אָנשרײַבנ אינעמ ביולעטענ „ניינ" האָט באַטײַט באַגיינ א רעוואָליוציאָנערנ אקט, ווײַל די „אָפּשטימונג" איז פאָרגעקומענ עפנטלעכ אונ די פאַשיסטנ האָבנ געסטראַשעט צו דערמאָרדנ יעדערנ, וואָס וועט שטימענ קעגנ דער רעגירונג. די „אָפּשטימונג" איז אינ א סאַכ ערטער פאָרגעקומענ אפנ פאָלגנדיקנ אופנ: די ברוינע יונגאַטשעס פונ דער היטלערישער פאַרטיי, וואָס זײַנענ געווענ אויסגעשטעלט פאַר יעדנ וואַל-באַצירק, האָבנ איבערגעגעבנ יעדנ ווײלער א קאָנווערט שוינ מיט אנ אויסגעפילטנ וואַל-ביולעטענ פאַר היטלערס רעגירונג. דער, וואָס פלעגט ניט אראָפּלאָזנ דעמ קאָנווערט מיטנ ביולעטענ אינ דער וואַל-אורנע אונ פלעגט פאָדערנ א ניט-אויסגעפילטנ ביולעטענ, פלעגט דערמיט גופא אַרויסטרעטנ אלס סוינע פונ היטלערס רעגירונג. אינ די וואַל-באַצירקנ, ווו די אָפּשטימונג פלעגט פאָרקומענ עפנטלעכ, איז יעדערער, וואָס האָט זיכ באַנוצט מיט דער וואַל-קאַבינקע, וועלכע מע האָט אוועקגעשטעלט נאָר לעפּאָנעמ וועגנ, באַטראַכט געוואָרנ אלס סוינע פונ דער רעגירונג. אפנ זעלבנ אופנ זײַנענ דורכגעפירט געוואָרנ די וואַלנ אינ די קאָנצענטראַציע-לאַגערנ. עס איז ניטאָ קיינ גרעסערע נידערטרעכטיקײַט, ווי די באַהויפּטונג פונ היטלערס רעגירונג, אז אלע אַרעסטירטע אינ די קאָנצענטראַציע-לאַגערנ האָבנ, קלומערשט, געשטימט פאַר היטלערנ.

אלע דערמאָנטע פאַקטנ וועגנ ווידערשטאַנד אונ קאמפ פונעמ אַרבעטערקלאַס קעגנ היטלערס דיקטאַטור באַווײַזנ, אז ניט געקוקט אפנ צעיושעטנ בלוטיקנ טעראָר, וואַקסט אָנ א נײַער רעוואָליוציאָנערער אויפשטײַג, אז עס מוז זיכ אומפאַרמײַדלעכ אָנהייבנ א נײַע כוואַליע שטרײַקנ אונ רעוואָליוציאָנערע אַרויסטרעטונגענ פונ די אַרבעטלאָזע אונ אז די קליינבירגערלעכע אונ פויערישע מאסנ וועלנ אָפּגיינ פונ די פאַשיסטנ. דער וווּקס פונ די רעוואָליוציאָנערע קרעפטנ איז א רעזולטאַט פונ דער דערפאָלגרײַכער אַרבעט פונ דער קאָמוניסטישער פאַרטיי, וואָס ווערט די איינציקע מאסנ-פאַרטיי פונעמ דײַטשישנ פראָלעטאַריאַט.

די 10 כאַדאָשימ פאַשיסטישע דיקטאַטור אינ דײַטשלאַנד באַשטעטיקנ די ריכטיקײַט פונ דער אײַנשטעלונג פונעמ קאָמוניסטישנ אינטערנאַציאָנאַל, וואָס האָט פאָרויסגעזענ, אז דאָס אײַנשטעלנ די פאַשיסטישע דיקטאַטור באַטײַט ניט דעמ אָנקומ פונ א רעאַקציע-פעריאָד, אז דאָס אײַנשטעלנ היטלערס דיקטאַטור, כאָטש זי קאָנ צײַטווײַליק פאַרהאַלטנ די פאַנאַנדערוויקלונג פונ די רעוואָליוציאָנערע קרעפטנ, איז זי אָבער ניט אימשטאַנד אָפּצושטעלנ דעמ פראָצעס פונ דער דאָזיקער פאַנאַנדערוויקלונג.

די 10 כאַדאָשימ פאַשיסטישע דיקטאַטור האָבנ דערוויזנ, אז דײַטשלאַנד

ווערט אלץ מער א קנופּ־פּונקט פון דער אינטערנאַציאָנאַלער פּראָלעטארישער רעוואָליוציע, וואָס רייפט אומופהערלעכ אָנ, כאָטש ניט גלייכמעסיק.

דער וועג פון דער פאשיסטישער דיקטאטור איז דער וועג פון פארשקלאַפן און בארויבנ די ארבעטנדיקע מאסנ. ער פארשארפט ביז גאָר אלע אינערלעכע און אויסערלעכע ווידערשפּרוכנ פונעם דייטשישנ קאַפּיטאַליזם און פירט דייטשלאנד צו א קאטאסטראָפע.

דער וועג פון דער פּראָלעטארישער רעוואָליוציע איז דער איינציקער אויסוועג פונעם קריזיס. פון קאַפּיטאַליזם. דאָס איז דער וועג צו ראטעוועג פון דער קאטאסטראָפע, דער וועג צום סאָציאַליזם. די איצטיקע לאגע אינ דייטשלאנד באווייזט, אז דער פּראָלעטאריאט, אונטער דער אָנפירונג פון זיינ איינציקער רעוואָליוציאָנערער פּארטיי, גייט מיטנ דאָזיקנ וועג.

III. די פּאָליטיק אונ די פּערספּעקטיוונ פונ דער פאשיסטישער דיקטאטור

1. די פאשיסטישע דיקטאטור אלס די הערשאפט־פאָרמ פונעמ מאָנאָפּאָליסטישנ קאפּיטאל אינעמ פּעריאָד פונעמ פארפוילנדיקנ קאפּיטאליזמ

וואָס איז אזוינס די פאשיסטישע דיקטאטור אינ דײַטשלאנד, וואָס פארא איז איר פּאָליטיק אונ וואָס איז איר פּערספּעקטיוו? אויב איכ האָב די ערשטע טײלנ פונ מײַנ פּאָרטראָג געווידמעט דעמ רעוואָליוציאָנערנ אופשטײַג פונ ארבעטער־קלאס, וואָס הייבט זיכ שוינ אָנ, אונ גיי ערשט דערנאָכ אריבער צו דער לאגע פונ דער בורזשואזיע אונ צו איר זוכנ אנ אויסוועג פונ קריזיס, טו איכ דאָס דערפאר, ווײַל דער קלאסנקאמפ איז דער אנטשיידנדיקער פאקטאָר פארנ פּראָלעטאריאט. פונ די ארבעטער, פונ די ארבעטנדיקע, פונ זייער אָרגאניזירטקײַט, פונ דער קראפט פונ זייער רעוואָליוציאָנערנ טאט איז געווענדט, צי וועט דאָס פאראזיטישע קעפּל פונ 600 מיליאָנערנ קאָנענ ארויסיאָגנ דאָס ארבעטנדיקע פאָלק, וואָס ציילט 60 מיליאָנ, אפ א נײַער אימפּעריאליסטישער מילכאָמע.

אינמיטנ 1917 יאָר, ווענ די קאפּיטאליסטנ אונ פּריצימ אינ רוסלאנד האָבנ געטריבנ די סאָלדאטנ צו דער שכיטע, האָבנ געשלאָגנ רעקאָרדנ אינ געביט פונ בארויבנ די ארבעטער אונ פּויערימ אונ געשטויסנ דאָס לאנד צו א קאטאסטראָפע, האָט לענינ אינעמ ארטיקל „די דראָענדיקע קאטאסטראָפע אונ וויאזוי צו קעמפנ קעגנ איר“, געשריבנ:

> „א קאטאסטראָפע פונ אנ אומגעזעענעמ פארנעמ אונ א הונגער דראָענ אומפארמײַדלעכ... אונ דאָכ איז גענוג די קלענסטע אופמערקזאמקײַט אונ באטראכטונג, קעדיי זיכ צו איבערצײַגנ אינ דעמ, אז אויפאנימ צו קעמפנ קעגנ דער קאטאסטראָפע אונ הונגער זײַנענ פאראנ, אז די קאמפ־מיטלענ זײַנענ גאנצ ־ קלאָרע, אײנפאכע, פולקומ פארווירקלעכבארע, גאנצ צוטריטלעכע פאר די פאָלקס־קרעפטנ אונ אז די דאָזיקע מאָסמיטלענ ווערנ ניט אָנגענומענ בלויז דערפאר, אויסשליסלעכ דערפאר, ווײַל דאָס פארווירקלעכנ זיי וועט אָנ־

רירן די אומגעהערטע רעוואָכים פונעם הײַפֿ פּריצים און קאַפּיטאַליסטן."*

די דאָזיקע ווערטער, וואָס לענין האָט אָנגעשריבן באַ אַן אַנדער סיטואַציע, בײַס דער רוסישער רעוואָליוציע, זײַנען איצט צוגעפּאַסט אויך צו דײַטשלאַנד פון טיסען, קרופּ און היטלער. די לאַגע פונעם אַרבעטער־קלאַס פאַרערגערט זיך פון טאָג צו טאָג. אינעם לאַנד טראָגט זיך אַ רויך־טשאַד פון אימפּעריאַליסטישע מיליטער־אַוואַנטיורעס, וואָס גרייטן זיך. עס דראָעט אַ קאַטאַסטראָפע און זי דראָעט בלויז דערפאַר, ווײַל אַ הײַפֿ זשעדנע פּאַראַזיטן־קאַפּיטאַליסטן און יונקערס סטאַרעט זיך מיט קראַפט און שווינדל אײַנצוהאַלטן זײַנע קלאַסן־פּריווילעגיעס אין קעגנגעוויכט צו דער קאָלאָסאַלער מערהייט באַפעלקערונג.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם, וואָס היטלער האָט פאַרכאַפּט די מאַכט, האָט כ׳ קנאָרין גאַנץ ריכטיק געשריבן:

„ווען דער אומגעהייער טיפער קריזיס האָט צעטרייסלט די יעסוידעס פון דער ווײַמאַרער רעפּובליק, ווען ס׳האָבן זיך געבילדעט אומגעהייער טיפע שפּאַלטן אינווייניק אין דער בורזשואַזיע גופא, זײַנען די סאַמע פינצטערע קרעפטן פון דער הײַנטיקער צײַט, די ניט באַגראָבענע, נאָך שטינקענדיקע שעריבלעך פון דער פעאָדאַלער געזעלשאַפט, די מיטלאַלטערלעכע אָבסקוראַנטן, די האָהענצאָלערנס און ויטעלסבאַכן, די דעמיסיאָנירטע ווילהעלמישע אָפיצערן, וואָס האָבן ניט אויסגעפײַגערט פון הונגער אַדאַנק די פּענסיעס, וואָס די ווײַמאַרער רעפּובליק פלעגט זיי בעשעפע אויסצאָלן, אַרויסגעקראָכן פון זייערע נאָרעס און זיך פאַרייניקט אַרום דער פּאַרטיי פון די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן, קעדיי צו וואַרפן זיך אין אַ טויט־געראַנגל מיטן פּראָלעטאַריאַט, וואָס פאָדערט ברויט, אַרבעט און מאַכט און וואָס באַדראָעט מיט דער פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע דעם קאַפּיטאַליזם, וואָס איז ניט פײַיק צו דערנערן זײַנע קנעכט."**

דער קלאַסן־אינהאַלט פון דער פאַשיסטישער דיקטאַטור אין דײַטשלאַנד ווײַזט זיך אַרויס אין באַשטאַנד פונעם גענעראַל־ראַט פון דער ווירטשאַפט.

צווישן די 16 מענטשן, וואָס גייען אַרײַן אינעם דאָזיקן אָרגאַן, וואָס איז, אייגנטלעך גערעדט, די רעגירונג פון דײַטשלאַנד, זײַנען פאַראַן 9 גרויס־אינדוסטריעלער (קימאַט אויסשליסלעך פאָרשטייער פונעם מאָנאָפּאָליסטישן קאַפּיטאַל), 4 באַנק־מאַגנאַטן און צוויי גרויס־אַגראַריער. מיטגלידער פונעם דאָזיקן ראַט זײַנען דער באַנקיר און מעלוכע־קאָמיסאַר ריינ-

* לענין, באַנד XXI, זײַט 159—160, צווייטע אויפלאַגע.

** „קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל", נום. 7—8, זײַט 15, 1933 יאָר.

האַרדט, וואָס איז א מיטגליד פונ די קאָנטראָל-ראטנ פונ 39 אקציע־געזעלשאפטנ, דער גרויס-אינדוסטריעלער אונ מיטגליד פונ 20 קאָנ-טראָל־ראטנ — פעגלער, דער מיטגליד פונ 18 קאָנטראָל-ראטנ — דער באנ־קיר פינק, דער פילפאכיקער מיליאָנער אונ מיטגליד פונ 30 קאָנטראָל־ראטנ — טיסענ, דער הארמאטנ־קיניג, וואָס האָט פארדינט מיליאָנענ פונ דער מיליטערישער אינדוסטריע — קרופ. מיטנ מיניסטעריום פאר פאָלק-ווירטשאפט פירט אָנ דער פאָרשטייער פונ די גרויסע בענק אונ גרויסע סטראכיר-טרעסטנ — שמידט. די אָנפירונג מיט אלע אוניפיצירטע ווירט-שאפטלעכע פארייניקונגענ פונ די קאפיטאליסטנ איז איבערגעגעבנ קרופנ. טיסענענ האָט היטלער באשטימט פאר דעם אזויגערופענעם „אוטאָריטארנ ארביטער" איבער אלע טאריפ־קאָנפליקטנ אינ מיירעוו־דייטשלאנד.

דער גאנצער עקאָנאָמישער אפאראט פונעם קאפיטאליזם דינט אפ צו ראטעווענ דעם קליינעם אויבער־שיכט קאפיטאליסטנ. אינ רעזולטאט פונעם נייעם דעקרעט וועגנ די קארטעלנ פארייניקט זיכ די נאָכ ניט־קארטעלירטע אינדוסטריע, וואָס ווערט אזויארום נאָכ מער אָפהענגיק פונעם מאָנאָפאָ־ליסטישנ קאפיטאל אונ פונ די גרויסע בענק. דער שטילשטאנד אונ אפילע די פארשמעלערונג פונ דער פראָדוקציע אונ די פארניכטונג פונ פראָדוקטיוו־קרעפטנ כאראקטעריזירנ דעם פארפוילונג־פראָצעס פונעם דייטשישנ קאפי־טאליזם. דער מאָנאָפאָליסטישער קאפיטאל ראבירט אפנ פרעכסטנ אויפנ די מעלוכע־קאסעס. הונדערטער מיליאָנענ מארק ווערנ ארויסגעוואָרפנ אפ אונ־טערשטיצנ די באנקראָטירטע ווירטשאפט אונ די באנקראָטירטע אונטערנע־מונגענ. מיליאָנענ ארבעטנדיקע הונגערנ, אָבער מיליאָנענ מארק פונ די מעלוכע־קאסעס ווערנ פארווענדט אפ רעאָרגאניזירנ אונ סאנירנ די גיגאנ-טישע טרעסטנ. די אקציאָנערנ אונ מיליאָנערנ פונ דער שטאָל-פארייניקונג אונ פונ דער העלזענקירכענער בארג־אינדוסטריעלער אקציע־געזעלשאפט האָט מענ מיט איינ מאָל געוואָרפנ אינ מויל ארייננ הונדערטער מיליאָנענ מארק, וואָס מע האָט ארויסגעפּאָמפּעט בא די שטייערנ־צאָלער. שוינ פריער פלעגנ הערמאנ מילערס אונ ברינינגס רעגירונגענ אונטערהאלטנ מיט מי־ליאָניקע סובסידיעס בעפיירעשע באנקראָטנ, אונ די סאָציאל־דעמאָקראטיע האָט געפרווט אונטערטראָגנ די ארבעטער די דאָזיקע העזייקעס־„סאָציאלי־זאציע" אפנ כעזשבנ פונ דער מעלוכע אלס „מעלוכע־קאפיטאליזם". אינ דאָרפ ווערט פראָטעזשירט דער פריווילעגירטער אויבער-שיכט יונקערס אונ באלעגופים, וואָס עקספלואטירנ נאָכ מער ווי פריער אונ פארמישפּעטנ אפ רעכטלאָזיקייט די פויערשע אָרעמשאפט אונ די מיטלפויערים.

מיטנ „אוניפיצירנ" אלע בורזשואזע פארטייענ, אלע בורזשואזע לענדער-רעגירונגענ אונ אלע בורזשואזע אָרגאניזאציעס סטארעט זיכ היטלערס פא-שיסטישע פארטיי אלס פארטיי פונעם מאָנאָפאָליסטישנ קאפיטאל צו בא־הערשנ די פאָליטישע מאָנאָפאָל, קעדיי מיט דער הילפ פונ דער אזויגערו-פענער „איינמאכט" בייקומענ די ווידערשפרוכנ אינעם לאגער פונ דער בורזשואזיע. אָבער די ווייטערדיקע פארטיפונג פונעם עקאָנאָמישנ קריזיס

און פון אלע אינערלעכע און אויסערלעכע ווידערשפרוכן פון קאפּיטאליזם פירט צו דער שנעלער פאַרשאַרפונג פון די אנטאַגאָניזמען.

אין דער צייט, ווען די פּאָליטיק פונעם ארבעטער-קלאַס דאַרף זיין געווענדט אַף אויסנוצן אָט די ווידערשפרוכן, קעדיי אויפצורייסן דעם גאַנצן פראָנט פון דער קאָנטררעוואָלוציע, איז די טאַקטיק פון דער ס.-ד. אויסגערעכנט אַף אויסנוצן אָט די ווידערשפּרוכן, קעדיי צו פאַרשטאַרקן איר קאָאַליציע-פּאָליטיק מיט טיילן פון דער בורזשואַזיע, קעדיי אָפּצונאַרן די ארבעטער-מאַסן.

די באַמיִונגען פון דער פאַשיסטישער דיקטאַטור צו פאַרשמירן איר קלאַסן-כאַראַקטער מיט דער הילף פון דער אידעאָלאָגיע וועגן דער „אַל-פאָלקישער איינהייט פון דער נאַציע", צו פאַרבייטן די קלאַסן מיט א „גלייכבארעכטיקטער שטאַנדן-פאַרשטייערשאַפט" ווערן אונטערשטיצט פון אלע פאַרטייען פונעם II אינטערנאַציאָנאַל.

די עסטרייכישע „לינקע" סאָציאַל-דעמאָקראַטיע מיט אָטאָ באַוער אין דער שפּיץ האָט געשאַפן די טעאָריע וועגן דער פאַשיסטישער דיקטאַטור אלס דיקטאַטור פונעם קליינבירגערטום. טראָצקי כאַראַקטעריזירט די פאַשיסטישע דיקטאַטור אלס „קליינבירגערלעכע קאָנטררעוואָלוציע."

אָט די טעאָריע איז זייער געפערלעך פאַרן ארבעטער-קלאַס. זי באַטייט:

1) דאָס אונטערשטיצן די פאַשיסטישע דעמאַגאָגיע, וואָס סטאַרעט זיך פאַרדעקן די דיקטאַטור פון טיסען און קרופּ, פאָרשטעלנדיק זי אלס „הערשאַפט פונעם גאַנצן פאָלק" בעראָש מיטן גאָטגעזאַלבטן „פירער";

2) דאָס באַרעכטיקן פאָסט פאַקטום די קאָאַליציע-פּאָליטיק פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, ווייל אויב די פאַשיסטישע דיקטאַטור דאַרף אלס זעלבשטענדיקע קראַפט קעגנשטיין דער בורזשואַזיע, וואָלט געווען פּרינציפּיעל ריכטיק, זאָגן וועלס און זיין גלייכן, צו שאַפן קעגן דעם פאַשיזם א קאָאַליציע מיט ברייטינגן און א טייל בורזשואַזיע;

3) א פּרווו אָפּצוהאַלטן די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע ארבעטער פון א וועלכן-נים-איז קאַמף קעגן דער גאַנצער בורזשואַזיע און קעגן יעטווידער פאָרם פון בורזשואַזער הערשאַפט.

וועגן אן אלטן ארטיקל, וואָס איז געווען אָפּגעדרוקט אין „מאַנטשעסטער גאַרדיאַן" און וואָס מע האָט דאָ נים לאַנג איבערגעדרוקט און פאַרשפּרייט אין בערלין, ווו עס ווערט אַנגעוויזן אַף דער וואַרשיינלעכקייט, אז אַנשטאָט פון דער היטלערישער דיקטאַטור וועט קומען א מיליטערישע דיקטאַטור, האָט די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע געשריבן, אז אזא מיליטערישע דיקטאַטור בעראָש, לאָמיר זאָגן, מיט שלייכערן, וואָלט געגעבן דעם ארבעטער-קלאַס א גרעסערע פרייהייט פון טאַט און וואָלט געווען אן עטאַפּ, וואָס דערנענטערט אונדז צום סאָציאַליזם.

די גרופּע ניימאַן-רעמעלע אין דער קאָמפּאַרטיי פון דייטשלאַנד האָט פאַרוואַנדלט די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע טעאָריע וועגן דער „דיקטאַטור פונעם קליינבירגערטום" אין א טעאָריע וועגן דער „דיקטאַטור פונעם לומפּן-פּראָלעטאַריאַט" און האָט זי דערגאַנצט מיט דער טעאָריע וועגן „אומבייטן די

סיסטעם", וועגן אומבײַטן די הערשאַפט פון דער בורזשואַזיע מיט דער הערשאַפט פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט, וואָס קײַקלט זיך אַראָפּ צום ניוואָ פון לומפּן-פּראָלעטאַריאַט. די דאָזיקע טעאָריע לייקנט אָפּ דעם פאַקט, אַז די פאַשיסטישע דיקטאַטור האָט אײַנגעהיט דעם זעלבן אינהאַלט פון דער קלאַסן-הערשאַפט פון דער בורזשואַזיע וואָס די „ווײַמאַרער דעמאָקראַטיע". אין פּראָצעס פון ווײַטערדיקער קאָנסעקווענטער אַנטוויקלונג פירט אַזאַ טעאָריע צום קעגנשטעלן די דעמאָקראַטישע פאָרם פון דער בורזשואַזער הערשאַפט, פון איין זײַט, דער פאַשיסטישער דיקטאַטור — פון דער צווייטער. זי באַרעכטיקט די קאָאַליציע-פּאָליטיק פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און לייקנט אָפּ, אַז די פאַשיסטישע דיקטאַטור וואַקסט אַרויס פון דער בורזשואַזער דעמאָקראַטיע.

2. די באַזונדערקייטן פון אײַנשטעלן און דורכפירן די פאַשיסטישע דיקטאַטור אין דײַטשלאַנד

די אַנטוויקלונג פון די געשעענישן אין דײַטשלאַנד באַשטעטיקט די אײַנשטעלונג פונעם XII פּלענום פון קאָמינטערן־אויספּירקאָם, לויט וועלכער עס קאָן גאָר קיין רייד ניט זײַן וועגן אַ וועלכער־ניט־איז קלאַסישער פאָרם פון פאַשיסטישער דיקטאַטור און אַז מע דאַרף אָפּוואַרפן יעטווידן מעכאַנישן אידענטיפיצירן און איבערפלעכלעכן פאַרגלײַכן די פאַשיסטישע דיקטאַטור אין דײַטשלאַנד און אין איטאַליע. די פאָרם און די דויערהאַפטיקייט פון דער פאַשיסטישער דיקטאַטור זײַנען אָפּהענגיק פון די אָביעקטיווע און סוביעקטיווע פאַקטאָרן פון דער גאַנצער אַנטוויקלונג. גראָד אַף אָפּשאַצן די פּערספּעקטיוון פון דער פאַשיסטישער דיקטאַטור אין דײַטשלאַנד איז נייטיק צו וויסן פאָלגנדיקע וויכטיקע באַזונדערקייטן אירע:

1. די פאַשיסטישע דיקטאַטור אין דײַטשלאַנד איז אײַנגעשטעלט געוואָרן קעגן דעם ניט־באַזיגטן אַרבעטער־קלאַס, וואָס, כאָטש ער איז צײַטווײַליק אָפּגעטראָטן, באַהעפט ער אָבער ווידעראַמאָל צוזאַמען זײַנע קרעפטן פאַר אַן אָנגריף; זי איז אײַנגעשטעלט געוואָרן אין אַ לאַנד, וואָס איז באַזיגט געוואָרן אין דער וועלט־מילכאָמע, אין אַ לאַנד, וואָס איר בורזשואַזיע וואַרפט אַרויף אַף די אַרבעטנדיקע די גאַנצע לאַסט פון דער מילכאָמע און פון די רעפּאַראַציעס. דער פּרווו צוריקערן דורך קאַמף די אַלטע פּאָזיציעס אין די ראַמען פונעם אימפּעריאַליסטישן שאָלעם, וואָס איז איינער פון די פאַקטאָרן, וועלכער האָט באַוועגט די בורזשואַזיע איבערצוגעבן די מאַכט היטלערן, צווינגט דער דײַטשישער בורזשואַזיע מיט אַ פאַרגיכערטן טעמפּ גרייטן זיך צו אַ מילכאָמע.

אָבער, ווי די פּאָליטביוראָ פון צק פון דער קאָמפּאַרטיי פון דײַטשלאַנד האָט פאַרצייכנט אין איר רעזאָלוציע פון 10־טן אָקטיאַבער, „וואַרפט אַרויף די פּאָליטיק פון מילכאָמע-צוגרייטונגען אַף די פּלייצעס פון די אַרבעטנדיקע פון דײַטשלאַנד אין די אינטערעסן פונעם פינאַנץ-קאַפּיטאַל און

פונעם יונקערטום א נײַעם, נאָך שווערערן איידער ווערסאַל, מיליטערישן יאָך פון עקספּלואַטאַציע און באַטײַט דאָס פאַרשקלאַפן הונדערטער טויזנטער יונגע דײַטשן אין די ארבעטפליכט-לאַגערן."

2. די פאַשיסטישע דיקטאַטור אין דײַטשלאַנד איז אײַנגעשטעלט געוואָרן אין א לאַנד פון א שטאַרק צעטרייסלטן קאַפּיטאַליזם, אין דעם סאַמע אינ-דוסטריאַליזירטן לאַנד אין אייראָפּע.

3. די דיקטאַטור איז אײַנגעשטעלט געוואָרן אין א לאַנד, וואָס דער ארבעטער-קלאַס זײַנער האָט פאַרמאָגט די שטאַרקסטע קלאַסן-אָרגאַניזאַציע, איידער אין אַלע אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, מיט א טראַדיציע, וואָס איז דערוואָרבן געוואָרן אין פאַרלויף פון א רײַ יאָרצענדליקער און מיט מאַרקסיסטיש-צוגעגרייטע קאַדרען פונקציאָנערן פון ז'ער קאָמפּאַרטײ פון דײַטשלאַנד און פון דער ר. פ. אָ. די דיקטאַטור איז אײַנגעשטעלט געוואָרן אין א לאַנד, וווּ פאַר דער בורזשואַזיע איז באַזונדערס שטאַרק די גע-פאַר, אַז דאָס קליינבירגערטום און דאָס קליינע און מיטלע פּויערטום זאָלן שנעל אָפּגיין פון דער פאַשיסטישער דיקטאַטור, באַזונדערס אונטער דער ווירקונג פונעם רעוואָלוציאָנערן אויפשטײַג.

3. היטלער פירט דײַטשלאַנד צו א קאַטאַסטראָפע

די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג אין דײַטשלאַנד פאַר די 10 כאַדאָשים פאַשיסטישע דיקטאַטור באַווײַזט, אַז היטלער פירט דײַטשלאַנד צו א קאַ-טאַסטראָפע. היטלערס פאַשיסטישע רעגירונג האָט געשאַפן א באַזונדערן פּראָ-פּאַגאַנדיסטישן אַפּאַראַט, וואָס נוצט אויס אַלע מיטלען פון אָפּנאַרערײַ, קעדיי די ארבעטנדיקע זאָל זיך אויסווײַזן, אַז עס ווערט בײַגעקומען די ארבעטלאָזיקײַט און דער טיפער קריזיס, זאָל זיך אויסווײַזן, אַז די ווירט-שאַפט הייבט זיך אָן אַנטוויקלען פאָרויס. אָבער מיט די קאָניונקטור-באַריכטן, וואָס זײַנען געפּאַרבט אין א ראָזן קאָליר, וועט זיך דער פאַ-שיסטישער דיקטאַטור ניט אײַנגעבן צו פאַרדעקן די פאַקטישע ווײַטערדיקע יערידע פון דער ווירטשאַפט.

בלויז אין דער פּראָדוקציע פון שטאָל און וואַלצ האָט מען אין רע-וואָלטאַט פון די מיליטערישע באַשטעלונגען זיך געקאָנט דערשלאָגן א גע-וויסע אויפלעבונג, אָבער אויך זי איז קלאָר ניט געגאַנגען אין טראָט מיט דער אויפלעבונג, וואָס עס איז פאַראַן אין עטלעכע אינדוסטריע-צווײַג אין אַנדערע לענדער. אין אַלע איבעריקע פּראָדוקציע-צווײַגן פון פּראָדוציר-מיטלען גייט אָדער אַן ארבעט „פאַרן סקלאַד", ווי אין דער קוילן-אינ-דוסטריע און אין דער כימישער אינדוסטריע, אָדער עס איז פאַראַן א שנעלער רעגרעס, ווי אין דער מאַשינבוי-אינדוסטריע, וואָס האָט פאַר דײַטשלאַנד אַן אַנטשיידנדיקע באַדײַטונג. כוץ דער פּראָדוקציע פון שטאָל, אײַזן, קוילן און אויטאָמאָבילן האָט די פּראָדוקציע אין דער צײַט פון דער פאַשיסטישער דיקטאַטור ניט דערגרייכט אַפילו דעם פאַראיאָריקן (1932 יאָר) ניוואָ.

דער אָפּזאַץ אין לאַנד גופא איז, טראָץ אַלע מעלדונגען פונעם אוני־פּיצירטן קאָניונקטור־אינסטיטוט, נאָך מער געפאַלן. דאָס באַציט זיך קוידעם־קאָל צו דער פּראָדוקציע און צום אָפּזאַץ פון געברויך־מיטלען. אין געביט פון הורט־האַנדל, ווי אויך אין געביט פון איינצל־האַנדל, וואָס האָט אַן אַנטשיידנדיקע באַדײַטונג פאַר דער לאַגע פון די קליינע האַנטווערקער און הענדלער, קומט אויס צו קאָנסטאַטירן אַ סיסטעמאַטישע פאַרקלענערונג פונעם אָפּזאַץ אויף 20 און מער פּראָצ. אין פאַרגלײַך מיטן אָפּזאַץ פון 1932 יאָר. דער אומזאַץ פון די אוניווערמאַגן האָט זיך דורכשניטלעך פאַרקלענערט אפילו אויף 27 פּראָצ. באַזונדערס שטאַרק האָט זיך פאַרקלענערט דער אָפּזאַץ פון די סכוירעס, וואָס זײַנען באַשטימט אויף באַפרידיקן די קולטור־באַדער־פענישן, וואָס איז אַ דירעקטער רעזולטאַט פון סיסטעמאַטיש אַראָפּזעצן דעם לעבנס־ניוואָ פון די אַרבעטנדיקע. בלויז אין דער טעקסטיל־אינדוסטריע האָט זיך דער אָפּזאַץ פון דער פּראָדוקציע פאַרגרעסערט אין פאַרגלײַך מיט פאַר־איאָרן און דאָס אויך אַדאַנק דעם, וואָס עס האָבן זיך פאַרגרעסערט די באַשטעלונגען אויף שטאָפן פאַר פאָנעס און אוניפאָרם־קליידונג. אין דער שפּײַז־אינדוסטריע האָט זיך דער אָפּזאַץ פאַרקלענערט פאַר די ערשטע 6 כאָדאָשים 1933 יאָר אויף 10—13 פּראָצ. די דאָזיקע אָנגאַבן באַזירן זיך אויף אָפיציעלע ציפערן. מע דאַרף אָבער רעכענען, אַז אין דערווירקלעכקייט האָט זיך דער געברויך פון די סאַמע וויכטיקסטע דערנערונג־פּראָדוקטן פאַר דער אַרבעטער־פאַמיליע נאָך מער באַדײַטנדיק פאַרקלענערט.

צו דער דאָזיקער פאַרשמעלערונג פונעם אינערלעכן מאַרק קומען נאָך צו די שטײַגנדיקע שוועריקײַטן פונעם אָפּזאַץ אויפן אויסערלעכן מאַרק, וואָס זײַנען אַ רעזולטאַט פון דער אַלגעמיינער לאַגע פונעם וועלט־מאַרק און פון דער אויסערן־פּאָליטישער איזאָליאַציע פון דער פאַשיסטישער דיקטאַטור. אויב אין דער ערשטער העלפט 1932 יאָר האָט דײַטשלאַנד, וואָס נייטיקט זיך אין עקספּאָרט, נאָך געהאַט אַן אַקטיוון האַנדל־באַלאַנס פון 600 מיליאָן מאַרק, האָט זיך דער דאָזיקער באַלאַנס אין דער ערשטער העלפט 1933 יאָר פאַרקלענערט ביז 290 מיליאָן מאַרק. ניט געקוקט אויף די מעלוכישע סוב־סידיעס, איז דער עקספּאָרט געפאַלן אויף 20 פּראָצ.; אין דער זעלבער צײַט האָט זיך אײַנגעגעבן אַראָפּצוזעצן דעם אימפּאָרט בלויז אויף 13 פּראָצ. די באַשטעלונגען פונעם ראַטנפאַרבאַנד אויף מאַשינעס, וואָס האָט פריער אונטער־געהאַלטן די אַרבעט פון גאַנצע אינדוסטריע־צווײַגן, זײַנען געוואָרן זייער זעלטן. פאַר היטלערס, גערינגס און געבעלסעס אויסערן־פּאָליטישע אוואַנ־טיורעס האָבן הונדערטער טויזנטער דײַטשישע אַרבעטער געדאַרפט צאָלן מיט פאַרלירן דעם פאַרדינסט.

די פינאַנציעלע לאַגע פון דער פאַשיסטישער דיקטאַטור איז נאָך אָבער מער קאַטאַסטראָפאַל, איידער דער צושטאַנד פון דער פּראָדוקציע. אין סענ־טיאַבער האָט געדראָעט אַ נײַע פינאַנציעלע קאַטאַסטראָפע, די בענק האָבן געהאַלטן בײַ באַנקראָט. בלויז אַדאַנק דעם ענדערן דעם געזעץ וועגן עמיסיע־באַנק האָט זיך אײַנגעגעבן אויסצומײַדן די קאַטאַסטראָפע.

היטלערס פאָליטיק, וואָס איז די פאָליטיק פונעם מאָנאָפּאָליסטישן קאפּיטאל, מוז אומפאַרמײַדלעך ארויסרופן א נאָך שנעלערן איבערגאנג פון דער שוין פאראנענער פארבאָרגענער אינפליאציע צו אן אָפענער אינפליאציע. עמעס, מיטן מעלדן זײַן באנקראָט בענעגייע צו די אויסלענדישע צאָלונגען, מיטן אײַנפירן א מאָראטאָריום, מיטן פארקירצן אפ א העלפט די סומע פראָצענטן, וואָס ווערן געצאָלט פאר די אויסלענדישע האלוואָעס, און מיטן אײַנפירן א קאָנטראָל איבער דער אויסלענדישער וואליוטע האָט דער פאשיזם דערווײַל נאָך אויסגעמיטן אן אָפענע אינפליאציע, אָבער די גרויסע סומע צאָלונגען פאר די פראָצענטן און אפ צו דעקן די כויוועס, דאָס סובסידירן די באנקראָטירטע פאראזיטישעווירטשאפט, דאָס פינאנסירן די פראָדוקציע פון קריג־מאטעריאלן און דאָס אָריענטירן די פאָלקווירטשאפט אפ מילכאָמע — אָט דאָס אלץ דערנעענטערט אלץ מער און מער די אָפענע אינפליאציע. אהערצו דארף מען צוגעבן אויך דעם וווּקס פונעם דעפיציט אינעם אלדײַטשישן בודזשעט, וואָס די רעגירונג רעכנט אויס אין 2.384 מיליאָן מארק, וואָס אָנבאלאנגט דעם דעפיציט אינעם אויסעראָרדנטלעכן בודזשעט, וואָס איז א רעזולטאט פונעם וווּקס פון די אויסגאבן אפ די באוואָפענונגען, פארעפנטלעכט אים אפילע די רעגירונג ניט.

4. די פאשיסטישע דיקטאטור פארשטארקט די עקספּלואטאציע פונעם ארבעטער־קלאס

ביזן פארכאפּן די מאכט האָבן די פאשיסטן צוגעזאָגט די ארבעטער דעם „דײַטשישן סאָציאליזם", וואָס וועט זיי ברענגען א העכערונג פונעם ארבעטלוין, וועט באזײַטיקן די ניט-פולע ארבעטוואָך, וועט אופהייבן דעם פראָלעטאריאט צום ניוואָ פון אן „ארבעטער־שטאנד", וואָס איז גלײַכבארעכטיקט מיט די אונטערנעמער, און וועט מאכן א סאָף צום וווּכערישן אופשרויפן דאָס דירעגעלט און די פרײַזן אפ די דערנערונג-פראָדוקטן. וואָס-זשע האָט געבראכט דער „דײַטשישער סאָציאליזם" פון די פאשיסטן די דײַטשישע ארבעטער? מיליאָנען ארבעטנדיקע זײַנען דערפירט געוואָרן ביז דער טיפסטער נויט. די עקספּלואטאציע פונעם ארבעטער־קלאס איז אומגעהייער אויסגעוואָקסן. פאר די 10 כאדאָשים, וואָס עס הערשט די היטלערישע דיקטאטור, האָט די בורזשואזיע ארויפגעזעצט דעם לעבנס-ניוואָ פונעם ארבעטער־קלאס אפ 2.600 מיליאָן מארק. קעדיי צו דערגרייכן דעם דאָזיקן ציל, האָט די היטלערישע רעגירונג פארווערט שטרײַקן, פארמאכט די פראָפּפאראיינען, ליקווידירט די ארבעטער־פרעסע, אָפּגעשאפט די זאוואָדישע קאָמיטעטן, וואָס די ארבעטער האָבן אויסגעוויילט, ענדגילטיק אָפּגעשטעלט די פרײַהײַט פון פארזאמלונגען און קאָאליציעס, האָט צעגראָמירט אלע ארבעטער-אָרגאניזאציעס און זיי בארויבעוועט. אין די אונטערנעמונגען הערשט אן אומבאגרענעצטער אבסאָליוטיזם פון די קאפּיטאליסטישע עקספּלואטאטארס.

די היטלערישע רעגירונג וויל אָפּשאפנ די ארבעטלוינ־טאריפנ און אָנ-
שטאָט די אָפּגעשאפענע טאריפנ איינפירנ אנ ארבעטלוינ לויט דער פּראָ-
דוקטיווקייט. דערביי דארפ דער נידעריקסטער טאריפ ניט זיינ העכער פאר
דער סאָציאלער שטיצע, וואָס איז פאר זיכ אליינ גענומענ זייער א נידע-
ריקע. צוגאָבנ פאר דער אויסארבעטונג און פּרעמיעס וועלנ געגעבנ ווערנ
בלויז דאנ, ווענ דער ארבעטער וועט אנטשפּרעכיק העכערנ זיינ ארבעט-פּראָ-
דוקטיווקייט. ביז איצט האָט בלויז די מוירע פארנ וואַקסנדיקנ אָנ-
וווּקס פונעם פּראָלעטאריאטס שטרייק-קראפט און פאר דער קאָמוניסטישער
מאָביליזאציע פונ די מאסנ אָפּגעהאלטנ די היטלערישע רעגירונג פונ דורכ-
פירנ אפ אנ אלצ ארומכאפּנדיקנ אופנ איר רעאקציאָנערע ארבעטלוינ-פּאָ-
ליטיק. אָבער דאָכ פארפאָלגט זי מיט דער גאנצער אקשאָנעס דעם דאָזיקנ ציל.

די היטלערישע רעגירונג האָט פארווירקלעכט אלע פאָרמענ פונ די-
רעקטנ בארויבנ דעם ארבעטלוינ — פונ אראָפּזעצנ די שטיקארבעט-טאריפיקא-
ציע ביז אנולירנ גאנצע טאריפ־אָפּמאכנ און פארבייטנ זיי מיט אָפּמאכנ אינ
א זאוואָד-מאסשטאב. קעדיי צו פארקירצנ די סאָציאלע שטיצע און פאר-
קלענערנ דאָס אורלויב-געצאָלט איז אינ דער מערהייט פאלנ פּראקטיקירט
געוואָרנ: מע פלעגט אָפּזאָגנ פונ דער ארבעט און נאָכדעם א צווייטנ מאָל אָנעמענ
אפ דער ארבעט לויט א נידעריקערנ טאריפ. דאָס פארבייטנ דערוואַקסענע אר-
בעטער מיט פרויענ און יוגנטלעכע פאר אנ אנטשפּרעכיק אראָפּגעזעצטנ
געצאָלט ווערט זייער ברייט פּראקטיקירט. די נאָמינאלע ארבעטלוינ-סומע
האָט זיכ באם היטלערישנ רעזשים אינ די כאדאָשים יאנואר-אווגוסט פאר-
קלענערט אפ 900 מיליאָנ מארק לעגאבע דעם זעלבנ פּעריאָד פונ פאָריקנ
יאָר, און דערביי ווערט באזונדערס שטארק גערדריקט אפנ ארבעטלוינ
פונ די עקאָנאָמיש שוואכערע שיכטנ ארבעטער־קלאס. גלייכצייטיק זיינענ
איינגעפירט געוואָרנ זייער ברייטע גראדאציעס באם אויסרעכענענ דעם
ארבעטלוינ.

איכ וועל ברענגענ בלויז עטלעכע ביישפּילנ פונ אראָפּזעצנ דעם אר-
בעטלוינ. אנ ארבעטער, וואָס איז פארנומענ אינ אזא גרויסנ כימישנ זא-
וואָד, ווי לײַנס זאוואָד, און וואָס האָט אינ 1929 יאָר באקומענ 31 מארק
א וואָכ, באקומט איצט בלויז 19 מארק. אנ ארבעטערנ פונ א קינאָ-פאבריק,
וואָס האָט פריער פארדינט 35, פארדינט איצט סאכאקל 16—18 מארק, א
ציערנ אינ דער פאבריק פונ עלעקטרישע לאָמפּנ אָסראם האָט אינ 1928
יאָר באקומענ 38 מארק א וואָכ און איצט 9,38 מארק. באזונדערס שארפ
ווערט אראָפּגעזעצט דער ארבעטלוינ פונ דער ארבעטער-יוגנט. אינ דעם
מיטלדייטשישנ כימישנ זאוואָד „פילמוואָלפענ" זיינענ איינגעשטעלט פאָלגנ-
דיקע גראדאציעס אינ ארבעטלוינ פאר איינ און דער זעלבער ארבעט און בא
א גלייכער שטיק־אויסארבעטונג: אויב מע זאָל אָנעמענ דעם ארבעטלוינ
פונ אנ 21-יאָריקער ארבעטערנ פאר 100, באקומט א 20-יאָריקע ארבעטערנ
אפ 3 פּראָצ., א 19-יאָריקע — אפ 8 פּראָצ. און א 18־יאָריקע — אפ 18
פּראָצ. ווייניקער.

צוגלײַכ מיט דער דירעקטער אראָפּזעצונג פונעמ ארבעטלוינ האָט די פאשיסטישע דיקטאטור פארשטארקט ביזנ העכסטנ גראד דאָס אומדירעקטע בארויבנ דעמ ארבעטלוינ, וואָס ווערט פארווירקלעכט אינ אזוינע פאָרמענ: זי האָט פארוואנדלט די מערהײַט דײַטשישע ארבעטער אינ טיילווײַזע ארבעטלאָזע אונ האָט מיט דעמ גופא פארקלענערט זייער פארדינסט אפ 20 אונ מער פראָצ. בא די ניט־פארהייראטע ארבעטער אונ ארבעטערנס ווערנ אײַנגעהאלטנ 2־3 פראָצ. פונעמ ארבעטלוינ אלס „שטיצע פאר די, וואָס הייראטנ". אָבער דאָס פרעכסטע אינ בארויבנ דעמ ארבעטלוינ איז דאָס אונפּמאָנענ אפּ א צוואנג־אויפנ די אזויגערופענע „נעדאָוועס". 1-2 פראָצ. פונעמ ארבעטערס ארבעטלוינ ווערט אײַנגעהאלטנ אלט א „נעדאָווע" אפּ געבנ ארב״יט. אהער דארפ מענ אויכ צורעכענענ די „נעדאָווע" אפּ געבנ „ווינטער־הילפ" אונ ווײַטער די זאמלונגענ לעמיוועס די „קאָרבאָנעס פונ דער ארבעט". כוץ די דאָזיקע אלגעמיינע צוואנג־„נעדאָוועס" ווערנ אינ די אונטערנעמונגענ דורכגעפירט געלט־זאמלונגענ אפּ אײַנשאפנ פאשיסטישע פאָנעס, אפּ אָרגאניזירנ פאשיסטישע פײַערונגענ אונ אפּ די באדערפענישנ פונ די ברוינע באנדיטנ, שטורמאָוויקעס אונ שוצ־אָפּטיילונגענ.

די דאָזיקע „נעדאָוועס" ווערנ מיט גוואלד ארויסגעפּרעסט פונ די ארבעטער. אזוי, לעמאָשל, האָט אפּ א בערלינער זאוואָד, וואָס געהערט צומ סימענס־קאָנצערנ אונ וואָס ציילט עטלעכע טויזנט ארבעטער, א פאשיסטישער מײַסטער אינ א צעכ, ווו עס ארבעטנ הויפּטזאכלעכ פרויענ, געצוווּנגענ די ארבעטערנס רעגולער אראָפּרעכענענ פונעמ וועכנטלעכנ פארדינסט, וואָס באטרעפט 26 מארק, 4 מארק אלס וועכנטלעכע „נעדאָווע" אפּ דער „ווינטער־הילפ". די, וואָס האָבנ זיכ אָפּגעזאָגט צו געבנ, האָט מענ געסטראשעט מיט אָפּזאָגנ זיי פונ דער ארבעט.

פונ די ניט־פארהייראטע מענער אונ פרויענ האָט מענ נאָכ גענומענ ספּעציעל צוויי מארק א וואָכ פארנ פאָנד צו „שטיצנ די, וואָס הייראטנ", אזוי אז ביידע „נעדאָוועס" האָבנ באטראָפנ אינ דער דאָזיקער אונטערנעמונג 25 פראָצ. פונעמ ארבעטלוינ. דער אָנפירער פונעמ פאשיסטישנ „דײַטשישנ ארבעט־פראָנט" אינ מינסטערער קרײַז האָט, ווי עס טיילט מיט די אוניפיצירטע בערלינער „פאָסישע צײַטונג", צוליב דעמ, וואָס דאָס ארויספּרעסנ די צוואנג־„נעדאָוועס" האָט ארויסגערופנ א ווּקס פונ צאָרנ בא די ארבעטער, געמוזט רופנ צו פארקלענערנ די „נעדאָוועס", ווײַל, ווי ער אליינ אנערקענט, איז די האכנאָסע פונ די ארבעטער „אינ רעזולטאט פונ פארקירצנ די ארבעטצײַט... אונ פונ אופּמאָנענ אלערליי נעדאָוועס געפאלנ קימאט ביזנ ניוואָ פונ דער שטיצע, וואָס עס גיבנ ארויס די ווילטעטיקע אנשטאלטנ."

דאָס אומדירעקטע בארויבנ דעמ ארבעטלוינ, וואָס ווערט אזויארומ פארווירקלעכט, באטרעפט פאר די 10 כאדאָשימ פונ היטלערס דיקטאטור אומגעפער 1 מיליארד מארק. אָבער דאָס איז נאָכ ניט אלצ. אהער דארפ מענ צוגעבנ דאָס פארקלענערנ דעמ רעאלנ ארבעטלוינ אינ צוזאמענהאנג

מיטנ העכערנ די פרײַזנ. דער רעאַלער אַרבעטלױנ אינ דײַטשלאַנד האָט אינ אײַנ פאַלנ. די אײַנצל-פרײַזנ אַפ די דערנערונג־פראָדוקטנ זײַנענ אַפילע לױט די אָפיציעלע סטאַטיסטישע אָנגאַבנ אױסגעװאָקסנ פונ מאַרט ביז סענטיאַבער אַפ 5 פראָצ.

דער געװעזענער סעקרעטאַר פונ צענטראַלנ מיניסטעריומ פאַר ערדאַרבעט פאָנ־ראָר שאַצט די העכערונג פונ די פרײַזנ אַפ די װיכטיקסטע לאַנדװירטשאַפטלעכע פראָדוקטנ אַפילע אַפ 18 פראָצ. די פרײַזנ בלױז אַפ פעטס און פוטער זײַנענ פאַר דער דאָזיקער צײַט געשטיגנ אַפ 40־50 פראָצ. אַזױ־װי ביכלאַל מוזנ די אַרבעטער, אָנגעשטעלטע און נידעריקע באַאַמטע אױסגעבנ אַ העלפט האַכנאָסע זײערע אַפ עסנװאַרג, איז קלאָר, אַז אינ רעזולטאַט פונ העכערנ די פרײַזנ אַפ דערנערונג האָט דער פאַשיסטישער רעזשים באַראַבעװעט דעמ אַרבעטער־קלאַס װײניקסטנס אַפ 600 מיליאָנ מאַרק.

פאַר דער צײַט פונ איר דיקטאַטור האָט די היטלערישע רעגירונג באַראַבעװעט בלױז די באַשעפטיקטע אַרבעטער, אָנגעשטעלטע און באַאַמטע אַלײנ אַפ 900 מיליאָנ מאַרק דורכ באַרױבנ דירעקט דעמ אַרבעטלױנ; אַפ 1000 מיליאָנ מאַרק — דורכ העכערנ די פרײַזנ אַפ עסנװאַרג.

אַפ די דאָזיקע $2^{1}/_{2}$ מיליאַרד מאַרק האָט די היטלערישע רעגירונג פאַרקירצט די אַלגעמײנע סומע אַרבעטלױנ פונ די דײַטשישע אַרבעטער און אָנגעשטעלטע; „דערפאַר” דאַרפנ זײ פראָדוצירנ אַפ 15 פראָצ. מער, אײדער מיט אַ יאָר צוריק.

5. די אָפנאַרערישע רעקלאַמע װעגנ דער „ליקװידירונג” פונ דער אַרבעטלאָזיקײַט

ביזנ פאַרכאַפנ די מאַכט האָבנ די פאַשיסטנ צוגעזאָגט, און דעמ 1-טנ מײַ האָבנ זײ איבערגעכאַזערט, אַז זײ װעלנ געבנ אַרבעט די אַרבעטלאָזע, װעלנ עפענענ די טױערנ פונ די פאַבריקנ און זאַװאָדנ, װעלנ װידער אַװעקלאָזנ די אָפגעשטעלטע מאַשינעס און װעלנ אַנולירנ די באַרױבונג פונ דער אַרבעטלאָזיקײַט-שטיצע, װאָס הערמאַנ מילערס, ברינינגס און פאַפענס רעגירונגענ האָבנ דורכגעפירט. די דאָזיקע צוזאָגנ זײערע, פונקט אַזױ װי אַלע אַנדערע, האָבנ די פאַשיסטנ ניט אױסגעפילט.

די היטלערישע רעגירונג באַהױפטעט, אַז זי האָט געגעבנ אַרבעט העכער 3 מיליאָנ אַרבעטלאָזע און האָט אינ פאַרגלײַכ מיטנ פאָריקנ יאָר אַרײַנגעצױגנ אינעמ פראָדוציר-פראָצעס אַפ 700־900 טױזנט מער אַרבעטער. אָבער דאָס איז בלױז אַ שענדלעכער שװינדל. די דאָזיקע ציפערנ זײַנענ גענומענ געװאָרנ הױפטזאַכלעכ מיט דער הילפ פונ טריוקנ אינ געביט פונ דער אַרבעטלאָזיקײַט־סטאַטיסטיק:

150 טויזנט יונגע אַרבעטער, וואָס מע האָט געשיקט אין די אַר־בעטספליכט-לאַגערן, זײַנען אויסגעשטראָכן פונעם צעטל אַרבעטלאָזע און זײַנען צוגערעכנט צו די אַרבעטער, וואָס זײַנען פאַרנומען אין דער פּראָ-דוקציע;

120 טויזנט יונגע אַרבעטער, וואָס מע האָט אַפּ אַ צוואַנג-אויפן גע-שיקט אַפּ אַרבעט צו די באַלעבאָטים און וואָס באַקומען ניט קיין שום גע־צאָלט פאַר זייער אַרבעט, האָט מען גאַנץ איינפאַך צוגערעכנט צו די נײַ־אָנגענומענע אַרבעטער;

100 טויזנט אַרבעטער, וואָס זײַנען פאַרנומען באַ די אויסעראָרדנ־טלעכע געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן, וועלכע מע האָט אָרגאַניזירט אַפּ מעלוכע־מיטלען, כדי צו געבן די אַזויגערופענע „אופבוי“־הילפּ די אַרבעטלאָזע, באַקומען שטיצע לויטן סאַמע נידעריקן טאַריפּ, אָבער דאָס ווערט באַטראַכט אַלס אַרבעטלוין, און די דאָזיקע אַרבעטער זײַנען אויך אײַנגעשלאָסן אין דער צאָל אַרבעטער, וואָס זײַנען פאַרנומען אין דער פּראָדוקציע;

נאָך 300-500 טויזנט אַרבעטער האָט מען געגעבן „אַרבעט“ אַפּ פאָלגנדיקן אויפן: מע האָט זיי איבערגעפירט אין די קאָנצענטראַ־ציע-לאַגערן, מע טרײַבט זיי אַפּ צוואַנג־אַרבעט, סטראַשענדיק, אַז מע וועט זיי אַראָפּנעמען פון דער שטיצע און מע וועט אַפּ שטענדיק אָפּנעמען דאָס רעכט אַפּ סטראַכירונג;

כוץ דעם ווערן נײַע אַרבעטער אָנגענומען אַפּן כעזשבן פון אי-בערפאַרטיילן די פאַראַנענע אַרבעט צווישן אַ גרעסערער צאָל אַר-בעטער דורך אײַנפירן אַ פאַרקירצטן אַרבעטטאָג און אַ 40־שאָ־יקע אַרבעטוואָך מיט דער אַנטשפּרעכיקער פאַרקירצונג פונעם אַר־בעטלוין און אויך דורך אָנעמען אַפּ זייער אָרט פרויען און באַיאָרנ־טע אַרבעטער.

אויב מע האָט ווירקלעך אָנגענומען נײַע אַרבעטער מער ווי דאָס פאָ־דערט דער סעזאָן, איז עס פאָרגעקומען אויסשליסלעך אין געביט פון דער פּראָדוקציע פון קריג-מאַטעריאַלן און דורך אײַנפירן אַ ניט־פולע אַרבעט־וואָך. כאָטש די רעגירונג דערקלערט יעדע צוויי וואָכן, אַז עס ווערט גע־געבן אַרבעט נײַע הונדערטער טויזנטער אַרבעטלאָזע, ווערט די דאָזיקע אָפּ־נאַרערײַ דעמאַסקירט מיט דעם פאַקט, וואָס די צאָל אַרבעטלאָזע וואַקסט שוין ווידער אין פאַרלויפּ פון אַ ריי וואָכן. עס וועט ניט זײַן קיין גוזמע צו שאַצן די אַלגעמיינע צאָל אַרבעטלאָזע באַ הײַנטיקן טאָג אין 7 מיליי־אָן מענטשן. די היטלערישע רעגירונג האָט אויסערגעוויינלעך פאַרערגערט די שווערע לאַגע פון די אַרבעטלאָזע דורכן פאַרקלענערן סיסטעמאַטיש די סטראַכיר־הילפּ פון אַרבעטלאָזיקײַט און די קריזיס־שטיצע. פון די קאַסעס צו העלפן די אַרבעטלאָזע האָט מען אַרויסגענומען העכער 1 מיליאַרד מאַרק און אויסגעגעבן אַפּ פינאַנסירן די פּראָגראַם פון געבן אַרבעט, דה. מע האָט זיי געשענקט די ערדבאַזיצער, די אינדוסטריעלער, די באַלעבאָטים און יונ-

קערס. מיט דער שטיצע, וואָס מע האָט אָפּגענומענ בא די ארבעטלאָזע, ווערנ עבויט אווטאָמאָביל-וועגנ, וואָס זײַנענ אויסגערעכנט אפּ מילכאָמע, ווערנ אויסגעשטאט אעראָדראָמענ, האלט מענ אויס די ארבעטפּליכט-לאגערנ אונ ווערט טײלווײַז פינאנסירט די פּראָדוקציע פונ קריג-מאטעריאלנ.

אויב אינ 1929 יאָר האָבנ נאָכ 77 פּראָצ. ארבעטלאָזע באקומענ שטיצע פונעמ פאָנד אפּ צו סטראכירנ פונ ארבעטלאָזיקײַט, באקומענ שוינ איצט די דאָזיקע שטיצע ניט מער ווי 10 פּראָצ.; פאר די 10 כאדאָשימ היטלערישע דיקטאטור האָט מענ פונ דער ארבעטלאָזיקײַט-שטיצע אראָפּגענומענ 2 מיליאָנ 700 טויזנט ארבעטער.

אזוי האלט עס מיטנ פארווירקלעכנ דעמ פיריאָריקנ פלאנ פונ ליקווידירנ די ארבעטלאָזיקײַט, וואָס היטלער האָט פּראָקלאמירט. היטלער האָט ניט געשאפנ קײנ נײַע מעגלעכקײַטנ פאר ארבעט, אכוץ די באשטעלונגענ אפּ סנאריאדנ, הארמאטנ אונ אוויאציע-מאָטאָרנ. היטלער האָט אָבער פארוואנדלט דעמ גאנצנ ארבעטער-קלאס אינ טײלווײַזע ארבעטלאָזע, האָט פארשפרײט די נויט פונ די ארבעטלאָזע אפּ אלע ארבעטער, האָט אראָפּגעזעצט דעמ ארבעטלוינ, האָט פארטײַערט דאָס ברויט, האָט באראבעוועט די, וואָס באקומענ שטיצע.

אָט אזא איז די „רעטונג-פּראָגראמ" פונ דער היטלערישער דיקטאטור.

6. דאָס קלײנבירגערטומ, דאָס קלײנע אונ מיטעלע פויערטומ אלס פארבינדעטע פונעמ ארבעטער-קלאס

ביזנ פארכאפּנ די מאכט אונ ביזנ אײַנשטעלנ די פאשיסטישע דיקטאטור האָט היטלער צוגעזאָגט דעמ קלײנבירגערטומ אונ דעמ פויערטומ צו ליקווידירנ די פּראָצענטנ-שקלאפערײַ, קאָנפיסקירנ די פאראזיטישע האכנאָסעס פונ די ספעקוליאנטנ, וואָס האָבנ זיכ אָנגעלעבט אפּ דער מילכאָמע אונ אינפליאציע, איבערגעבנ די בענק דער מעלוכע, פארמאכנ די אוניווערסאלע מאגאזינענ, צעטײלנ דאָס גרויסע ערד-אײגנטומ, אָפּשאפנ די הויכע געהאלטנ, וואָס זײַנענ א מיטל פאר קאָרופּציע, אנולירנ די אויסלענדישע כויוועס, וואָס דער ווערסאלער אָפּמאכ האָט אָנגעבונדנ. קײנ אײנעמ פונ די דאָזיקע צוזאָגנ האָט די היטלערישע רעגירונג ניט אויסגעפירט. פארקערט, זי האָט נאָכ מער מיטגעהאָלפנ דעמ מאָנאָפּאָליסטישנ קאפּיטאל אונ דער מעלוכע צו באראבעווענ די קלײנבירגערלעכע שיכטנ באפעלקערונג.

די לאסט פונ דעמ הויכנ ארענדע-געצאָלט, פונ די שטײַערנ אונ פּראָצענטנ, דאָס געצאָלט פאר דינגענ לאָקאלנ אפּ קלײנע געווערב-אונטערנעמונגענ, די פּאטענט-אָפּצאָלנ אונ דאָס גלײַכנ איז געבליבנ אונ זי הערט ניט אופּ צו רויִנירנ דעמ מיטעלנ שיכט פונ דער שטאָטישער באפעלקערונג. עס גילט דער גאנצער „בוקעט" געווערב אונ בירגער-שטײַערנ: דער

אומזאַץ-שטײַער, דער שטײַער אַפ שכיטע, אַפ ביר, צוקער, טאַבעק, געטראַנקענ. די דאָזיקע לאַסט ווערט נאָכ פאַרגרעסערט אדאַנק די באַשטענדיקע „נעדאָוועס”, וואָס די פאַשיסטנ בעטלענ און רײַסנ אַרויס.

דעמ קלײנעמ אונ מיטעלנ פויערטומ האָבנ די פאַשיסטנ צוגעזאָגט אַלצ אינ דער וועלט: מעלוכישע גאַראַנטיע פאַרנ קלײנעמ ערד־באַזיץ, שאַפנ א פויערשע אַריסטאָקראַטיע, יוישערדיק קאָמפּענסירנ פאַר שווערער אַרבעט, אַלערלײ האַנאָכעס. עס איז דערקלערט געוואָרנ, אַז עס ווערט אָפּגעלײגט דער צוואַנג־פאַרקויפ פונ פאַרמעגנ ביזנ 1־טנ אָקטיאַבער, אונ נאָכנ דאָזיקנ טערמינ האָבנ די פאַשיסטנ פאַרלענגערט דעמ מאָראַטאָריומ ביז נײַיאָר, מוירע האָבנדיק פאַרנ וווקס פונ דער אומצופרידנקײַט אינ דאָרפ.

היטלער האָט זײַנ צוזאָג צו געבנ ערד די פויערימ, וואָס האָבנ ווײניק ערד, ניט אויסגעפילט. עס איז נאָכ ניט קאָנפיסקירט געוואָרנ קײנ אײנ גרויסער מאַיאָנטעק. דאָס העכערנ די פרײַזנ אַפ פעטס אונ פוטער האָט מענ געשילדערט אַלס „אַקט פונ ראַטעווענ דעמ קלײנעמ פויער”. אָבער אינ רעזולטאַט פונ העכערנ אײנצײַטיק די פרײַזנ אַפ אַלע מינימ פיטער אונ מיטנ אײַנפירנ די פיטער־מאָנאָפּאָל זײַנען איצט די קלײנע פויערימ נאָכ אינ אַנ ערגערער לאַגע, אײדער פריִער. די נוצנ באַקומענ אויסשליסלעכ די יונקערס אונ באַלעגופימ, וואָס גײענ אַריבער, אדאַנק דעמ העכערנ די פרײַזנ אַפ פיטער, פונ קערנער־צו פיטער־קולטורנ.

דער געזעצ וועגנ יערושע־גיטער באַווײַזט, אַז עס ווערט געהאַלטנ א קורס אַפנ באַלעגופ. 500 טויזנט יערושע־גיטער באַקומענ אַלערלײ פריווילעגיעס: דאָס אַנולירנ די כויוועס, דאָס באַפרײַענ פונ יערושע־שטײַער, די ניטצעטײלבאַרקײַט, דאָס באַשיצנ פונ צוואַנג־פאַרקויפ דורכנ געריכט.

אַזויאַרומ ווערט צוגלײַכ מיט די פידעיקאָמיסנ פונ די באַזיצער פונ די לאַטיפונדיעס געשאַפנ א פריווילעגירטער פעאָדאַל־באַלעגופישער שיכט אונ אדאַנק דעמ ווערט נאָכ ענערגישער, אײדער ביז איצט, פאַרווירקלעכט די עקאָנאָמישע עקספּלואַטאַציע אונ פּאָליטישע רעכטלאָזיקײַט פונ די קלײנע פויערימ אונ מיטלפויערימ.

אָבער טראָצ אַלע פריווילעגיעס, וואָס מע גיט די יונקערס אונ באַלעגופימ, איז די היטלערישע רעגירונג דאָכ ניט אימשטאַנד צו פאַרהאַלטנ די אַנטוויקלונג פונעמ אַגראַרנ קריזיס, וואָס האַלט זיכ אינ אײנ פאַרטיפנ. דער אַגראַרער קריזיס איז אינ גרונט א רעזולטאַט פונ אָפּשוואַכנ די קויפקײַט פונ די אַרבעטנדיקע מאַסנ, פונ די אַרבעטער, אָנגעשטעלטע, באַאַמטע אונ קלײנבירגערטומ, וואָס איז פאַרגענומענ געוואָרנ אינ די אינטערעסנ פונעמ מאָנאָפּאָליסטישנ קאַפּיטאַל. די מאַסנ פעלט אויס ברויט, אונ די קערנער־זאַפּאַסנ אינ דײַטשלאַנד פאַרגרעסערנ זיכ, אונ איצט זײַנענ זײ גרעסער, אײדער ווענ־עס־איז פריִער. די מאַסנ זײַנענ ניט אימשטאַנד צו קויפנ פלײש, די שעכט־בעהײמעס געפינענ ניט קײנ קויפער. פאַר דער ערשטער העלפט 1933 יאָר זײַנענ פאַרקויפט געוואָרנ אַפ איבער 500 טויזנט באַזײרימ אונ אַפ איבער 50 טויזנט שטיק האָרנפי ווײניקער, אײדער פאַרנ

זעלבן פעריאָד אין פאַבריקן יאָר. פונעם דאָזיקן אגראַרן קריזיס ליידן דער קליינפויער און מיטלפויער.

נוצנ פונ דער היטלערישער רעגירונג־פּאָליטיק באקומען בלויז דער גרויסער קאַפיטאַל און די פריצים. זי לוינט אויך דער אָנפירנדיקער פאַשיסטישער קנופּיע: אַפּנ מעלוכישנ כעזשבנ שענקען זיך די „פירער“ וויליעס, טוען זיך אָנ אינ גענעראַלישע מונדירנ, האַלטנ א לייב־וואַך, באַקומען פינפ־פּאַקיקע געהאַלטנ, און די קאָרופּציע אינ זייער סוויוווע בליט פּרעכטיקער, איידער ווענ־עס־איז בא דער ווײמאַרער רעפּובליק.

די פאַשיסטישע דעמאַגאָגיע הייבט אָנ פאַרלירנ איר ווירקונג אפ די קליינבירגערלעכע מאַסנ. דעריבער האַלט דער דײַטשישער מאָנאָפּאָליסטישער קאַפּיטאַל פאַר נאָך מער נייטיק אָפּצוווענדנ די אויפמערקזאַמקײַט פונ די מאַסנ פונ דער שטײַגנדיקער נויט אינ לאַנד און ריכטנ די שטײַגנדיקע אומצופרידנקײַט אפ די רעלסנ פונ שאָוויניזם און פונ מילכאָמעטשאַד. דער אזויגערופענער „פּלעביסציט“ פונ 12־טנ נאָיאַבער איז דורכגעפירט געוואָרנ אויסשליסלעך צוליבנ דאָזיקנ ציל. די קאַטאַסטראָפע, וואָס דראָעט אינוויייניק אינ לאַנד, צווינגט דער היטלערישער רעגירונג צו פּרוּוונ זוכנ אַנ אויסוועג מיט דער הילפ פונ אויסערנ־פּאָליטישע אוואַנטיורעס, מיט דער הילפ פונ מילכאָמע.

7. די פאַשיסטישע דיקטאַטור אינ דײַטשלאַנד איז א נעסט פונ מילכאָמע־צוגרייטונג

ביז און בייסנ פאַרכאַפּנ די מאַכט האָט היטלער גערעדט וועגנ נאַציאָנאַלער באַפרײַונג, וועגנ יאײַנשטעלנ גלײַכבארעכטיקונג פאַר דײַטשלאַנד אלס מעלוכע, וועגנ אָפּשאַפּנ די גרענעצנ, וואָס ווערסאַל און סענ־זשערמענ האָבנ דיקטירט, וועגנ אָנשליסנ עסטרײַך צו דײַטשלאַנד, וועגנ אויסקויפנ די ווערסאַלער שאַנד. אָבער די 10 כאָדאָשים פאַשיסטישע דיקטאַטור האָבנ געבראַכט דערצו, אז בא דײַטשלאַנד האָבנ זיך פאַרערגערט די באַציִונגען קימאַט מיט אַלע לענדער פונ דער וועלט אָנ אויסנאַם. דער פּרוּוו צו רעווידירנ דעם אָפּמאַך אפ אנ אימפּעריאַליסטישנ אויפנ, דער פּרוּוו מיט געוואַלד איבערפאַרטיילנ פונדאָסנײַ די וועלט שטעלט די מילכאָמע אינ טאָגאָרדענונג. די היטלערישע רעגירונג וויל ארײַנציִענ דאָס האָרעפּאַשנע פאָלק אינ דער דאָזיקער מילכאָמע. היטלער מאַכט א פּרוּוו צו פאַרגלעטנ די אימפּעריאַליסטישע ווידערשפּרוכנ אַפּנ באָדנ פונ א בונד פונ אַלע אימפּעריאַליסטישע לענדער קעגנ פּססר און דערמיט גופע אָרגאַניזירנ א מילכאָמע קעגנ ראַטנפאַרבאַנד. א קלאָפּ אינ מיזרעך, די פּאָליטיק פונ פאַרכאַפּנ אַפּנ כעזשבנ פונ די טעריטאָריעס פונ ראַטנפאַרבאַנד בא דער אונטערשטיצונג פונ דער אַנטיסאָוועטישער און אַנטיבאָלשעוויסטישער פּאָליטיק פונ דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און פונ II אינטערנאַציאָנאַל — אָט דאָס איז די גרונטטענדענצ אינ דער אויסערנ־פּאָליטיק פונ די פאַשיסטישע מילכאָמע־אונטערצינדער.

אין זײַן בוך „מײַן קאמפ״ האָט היטלער געשריבן פאָלגנדיקס וועגן דער אויסערן־פּאָליטיק, וואָס דאָס פאשיסטישע דײַטשלאַנד דאַרף פירן:

„...די איינציקע מעגלעכקײַט פאַר דײַטשלאַנד דורכצופירן א פאַרנינפ־טיקע ערד־פּאָליטיק איז באַשטאַנען בלויז אין דערווערבן נײַע ערדן אין אייראָפּע גופא...

...און דאָס דערווערבן אין אייראָפּע ערדן האָט געקאָנט פאָרקומען אין אלגעמיין און אינגאַנצן בלויז אפּן כעזשבן פון רוסלאַנד, בלויז מיטן מאַרש פון דער אימפּעריע איבערן וועג פון די אמאָליקע ריטערס פון דעם טעווטאָנישן אָרדען, קעדיי מיטן דײַטשישן שווערד באַקומען פאַרן דײַטשישן פלוג ערד און פאַר דער נאַציע — ברויט.״

בא דער זעלבער ליניע האָט זיך געהאַלטן אויך דער מעמאָראַנדום, מיט וועלכן הוגענבערג האָט זיך געווענדעט צו דער לאָנדאָנער עקאָנאָמי־שער קאָנפערענץ און ווו ער האָט „צוליב דעם טערריטאָריעלן הונגער פון פאָלק״ געפאָדערט צו געבן ראַטן־אוקראַיִנע פאַר דײַטשישער קאָלאָניזאַציע. די דאָזיקע ליניע האָט אויך באַשטימט דאָס, וואָס די היטלערישע רעגירונג איז ארויס פון דער פעלקער־ליגע. די ליוויאַסנס פון דער שווערער אינדוסט־ריע און די פאשיסטישע אַוואַנטיוריסטן אין דײַטשלאַנד קאָנען זיך ניט דערוואַרטן, ביזוואַנען דער יאפּאַנישער אימפּעריאַליזם וועט זיך אַרײַנרײַסן אפּן ווײַטן מיזרעך אף דער טערריטאָריע פון ראַטנפאַרבאַנד.

אפּמאָרגן נאָכן דערקלערן, אז זיי גייען ארויס פון דער פעלקער־ליגע, האָבן היטלער און געבעלס, די קלוימערשטע קעמפער קעגן ווערסאַל, אין אָפענע ארויסטרעטונגען פאַרגעלייגט דעם פראַנצויזישן גענעראַל־שטאַב א בונד קעגן דעם אלוועלטלעכן באָלשעוויזם. צוליב אָט דער סיבע האָבן זיי איצט אויך געשלאָסן מיט פוילן אן אָפּמאַך וועגן ניט אָנפאַלן, דער־בײַ זאָגט זיך דערווײַל די היטלערישע רעגירונג אָפּ פון אירע פּרעטענזיעס אפּן פּוילישן קאָרידאָר, קעדיי צו אָרגאַניזירן א פּויליש־דײַטשישן בונד קעגן דער ארבעטער־פּויערשער מאַכט אין ססר.

אָנשטרענגענדיק אלע עקאָנאָמישע און מאַטעריעלע מעגלעכקײַטן, פירט די היטלערישע רעגירונג מיט די שנעלסטע טעמפּן א צוגרייטונג צו א מילכאָמע. זי האָט שוין אין צוויי מאָל פאַרגרעסערט דעם רײַכסווער און דערפירט זײַן צאָל ביז 200 טויזנט באַגנעטן, און אין דער פערזאָן פון ביידע היטלערישע מיליטעריש־באַנדיטישע פאָרמאַציעס — די שטורעם־אָטריאַדן און שוץ־דרוזשינעס צוזאַמען מיט די אוניפיצירטע „שטאָלהעלם״ און וואַכ־פּאָליציי — האָט זי איצט א העכער אָנדערהאַלבן־מיליאָניקע געשולטע אַרמיי. די אויסאַרבעטונג פון אַרטילעריע־האַרמאַטן, אעראָפּלאַנען, טאַנקן און אַנ־דערע מילכאָמע־מאַטעריאַל ווערט פאָרסירט ביז דער העכסטער מאָס. עס ווערט פאַרפּעסטיקט די מיזרעך־גרענעץ פון לאַנד.

דײַטשלאַנד איז מער ווי ווען־עס־איז פריער געוואָרן א נעסט פון שטענדיקער מילכאָמע־געפאַר אין אייראָפּע. די פראַגע וועגן אָנשליסן עסט־רײַך צו דײַטשלאַנד האָט אין א גוואַלדיקער מאָס פאַרשאַרפט אלע אים־

פּעריאַליסטישע ווידערשפּרוכן אין אייראָפּע, וואָס אין זיי שטעקט אַ דירעקטע מילחמה-געפאַר.

די דײַטשישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע שטייט אין דער דאָזיקער גאַנצער מילחמה־צוגרייטונג צוגלײַך מיט אַלע פּאַרטייען פון II אינטערנאַציאָנאַל אויף דער זײַט פון דער בורזשואַזיע.

היטלער האָט צוגעזאָגט די מאַסן אין דײַטשלאַנד נאַציאָנאַלע באַפרײַונג און איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן צו דער מאַכט אויף דער שאָוויניסטישער כוואַליע. אָבער אין וואָס האָט זיך אויסגעגאָסן די דאָזיקע נאַציאָנאַלע באַפרײַונג פאַר די אַרבעטנדיקע מאַסן פון דײַטשלאַנד?

זי האָט זיי געבראַכט בלויז נײַע באַוואָפענונגען אין די אינטערעסן פונעם פינאַנץ־קאַפּיטאַל און פון די יונקערס, מיליטערישע הויצאָעס, וואָס באַטײַטן בלויז אַ נאָך שווערערן מיליטערישן יאָך, איידער די גאַנצע לאַסט פונעם ווערסאַלער אָפּמאַך.

די היטלערישע דיקטאַטור האָט געבראַכט דערצו, אַז בײַ די אַרבעטנדיקע מאַסן פון דײַטשלאַנד איז ווײַטער פאַרקירצט געוואָרן דער אַרבעטלוין, בײַ די אַרבעטלאָזע — ווײַטער פאַרקלענערט געוואָרן די שטיצע, אַז אַלע דערנערונג־פּראָדוקטן זײַנען טײַערער געוואָרן, אַז בײַ די מיטעלע שיכטן האָט זי אָפּגענומען יעטווידע מעגלעכקײַט צו שטעלן זיך ווידער אַמאָל אויף די פיס. זי האָט געבראַכט מיט זיך די מיליטאַריזירונג פון דער גאַנצער אַרבעטנדיקער יוגנט און אַ שטײַגנדיקן שאָוויניסטישן האַס צום קריגערישן פאַשיסטישן דײַטשלאַנד מיצד אַלע אַנדערע לענדער.

זי האָט אײַנגעשטעלט אַן אומגעהערטן רעזשים פון בלוטיקן טעראָר קעגן די קאָמוניסטן און רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער.

דער וועג פון דער פאַשיסטישער דיקטאַטור איז דער וועג צו אַ קאַטאַסטראָפע. דאָס איז אַ בירגערקריג קעגן דעם אייגענעם האָרעפּאַשנעם פאָלק. דאָס איז דער וועג צו די שלאַכט־פעלדער, דער וועג צו אַ נאָך מער גרויזאַמער מאַסן-בלוטבאָד, איידער אין די יאָרן 1918-1914. דער פאַשיזם מוז שטאַרבן, כדי דער פּראָלעטאַריאַט זאָל קאָנען לעבן.

VI. אָנ דער סאָציאל־דעמאָקראטיע וואָלט ניט געווענ קיינ פאשיסטישע דיקטאטור

די איינציקע קראפט, וואָס האָט געקאָנט ניט דערלאָזנ צו דער פאשיסטישער דיקטאטור אונ וואָס איז אימשטאנד אראָפּצוּווארפנ זי — דאָס איז דער ארבעטער־קלאס פונ דייטשלאנד, פאראייניקט אפנ באָדנ פונ קלאסנ־קאמפ. די קאָמוניסטישע פארטיי האָט אומדערמידלעכ געקעמפט פאר פארווירקלעכנ די דאָזיקע איינהייט. זי האָט ניט איינ מאָל גערופנ די סאָציאל־דעמאָקראטישע פארטייִשע אונ פראָפאראייניקשע מאסנ דורכצופירנ געמיינזאמ מיט די קאָמוניסטנ אנ אלגעמיינעמ שטרייק, קעדיי ניט צו דערלאָזנ אונ אראָפּצווארפנ די פאשיסטישע דיקטאטור. אָבער די סאָציאל־דעמאָקראטישע פארטייִשע אונ פראָפאראייניקשע לידערס האָבנ מיט זייער קאָנטררעוואָליוציאָנערער פאָליטיק אונ מיט זייער איינהייט־פראָנט מיט דער בורזשואזיע ניט בלויז געשפאָלטנ דעמ ארבעטער־קלאס, נאָר זיי ווילנ אויכ פאראייביקנ די דאָזיקע שפאלטונג, קעדיי צו שטערנ דעמ סאָלידארישנ קאמפ אונ דעמ ביצאָכנ פונ די ארבעטער. אינ דעמ טאקע באשטייט אייגנטלעכ די ראָליע פונ דער סאָציאל־דעמאָקראטיע אלס דעמ הויפט־סאָציאלנ אָנשפאר פונ דער בורזשואזיע. די איינהייט פונעמ ארבעטער־קלאס אינ דייטשלאנד קאָנ דערגרייכט ווערנ נאָר מיטנ ליקווידירנ דעמ מאסנ־איינפלוס פונ דער סאָציאל־דעמאָקראטיע. דאָס איינשטעלנ די פאשיסטישע דיקטאטור איז געוואָרנ מעגלעכ פאר דער בורזשואזיע נאָר אדאנק דעמ, וואָס די סאָציאל־דעמאָקראטיע האָט סאבאָטירט דעמ קלאסנקאמפ, האָט אימ דעזאָרגאניזירט, האָט אנטוואָפנט דעמ פראָלעטאריאט אונ האָט זיכ אלצ ענגער צונויפגעוואָקסנ מיטנ קאפיטאליסטישנ מעלוכע־אפאראט. נאָר אדאנק דעמ, וואָס די מערהייט פונ ארבעטער־קלאס האָט צוליב דער צעשפאלטערישער פאָליטיק פונ דער סאָציאל־דעמאָקראטיע ניט אונטערשטיצט די קפּד אלס רעוואָליוציאָנער אוואנגארד, האָט דער פינאנצ־קאפיטאל געקאָנט איינשטעלנ זיינ טעראָריסטישע דיקטאטור איבערנ פראָלעטאריאט.

די קאָמוניסטישע פארטיי האָט מיט אלע קרעפטנ געפירט קעמפנ אינ די מאסנ קעגנ דער טעאָריע וועגנ דער „אומפארמיידלעכקייט פונ דער פאשיסטישער דיקטאטור“ — די טעאָריע, וואָס די סאָציאל־דעמאָקראטיע האָט ארויסגערוקט, קעדיי צו פארמאסקירנ איר פארברעכנ. אינ אונדזער סטראטעגיע אונ טאקטיק זיינענ מיר ארויס פונ דער פרינציפּיעלער איינשטע-

לונג, אז אין פארמעסט צווישן די קרעפטן פון דער רעוואָלוציע און דער קאָנטררעוואָלוציע איז דאָס פארשטארקן דעם אנטיפאשיסטישן קאמף אונטערן לאָזונג פון איינהייט־פראָנט, דאָס פירן די ארבעטער צו שטרייקן, צום פּאָליטישן מאסן־שטרייק און צום אַלגעמיינעם שטרייק — דער איינציקער וועג ניט צו דערלאָזן צו דער ווייטערדיקער פאנאנדערוויקלונג פון דער פאשיס־טישער דיקטאטור. אויסנוצנדיק די דערפארונג פון 20-טן יולי 1932 יאָר און אויספילנדיק די אויפגאבן, וואָס דער XII פּלענום פונעם קאָמינטערן־אויס־פירקאָם האָט געשטעלט אין געביט פון קאמף קעגן דעם פאשיזם, האָט די פארטיי מאָביליזירט אירע קרעפטן אפן דורכפירן די אנטיפאשיסטישע אקציע אפ א נייער געהעכערטער שטופע. מיט איר שלאכט־רוף צום אר־בעטער־קלאס אין דייטשלאנד אונטערן לאָזונג: „פאראייניקט זיך צום גע־מיינזאמען קאמף קעגן בארויבן דעם ארבעטלויז און קעגן דער פאשיסטי־שער דיקטאטור!" האָט די פארטיי ווידער באשטעטיקט איר ניט איין מאָל אויסגעדריקטע גרייטקייט צו קעמפן געמיינזאם צוזאמען „מיט יעדער אָר־גאניזאציע, אין וועלכער עס זיינען פאראייניקט ארבעטער און וואָס וויל ווירקלעך קעמפן".

דאָס מאָביליזירן די מאסן צו פּאָליטישע און עקאָנאָמישע שלאכטן, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אפן דער באזע פון אונדזער פּאָליטיק פון איינהייט־פראָנט מיט די סאָציאַל־דעמאָקראטישע ארבעטער, האָט זייער באַ־דייטנדיק פארשטארקט די קרעפטן פונעם פראָלעטאריאט. אפן דער אטאקע, וואָס פאפּענס דיקטאטור האָט פאָרגענומען אפן ארבעטלויז פון די ארבעטער, האָבן די ארבעטער געענטפערט מיט א קאָנטער־אטאקע, — מיט העכער 900 שטרייקן האָבן די ארבעטער דורכגעוואָרפן דעם דעקרעט וועגן בארויבן דעם ארבעטלויז.

דער קולמינאציע־פונקט פון דער דאָזיקער שטרייק־כוואליע איז געווען דער שטרייק פון בערלינער שטאָטישן טראנספּאָרט, וואָס האָט אויסגעבראָכן ערעוו די וואלן אין רייכסטאג דעם 6-טן נאָיאבער. זי האָט צוגעפירט די ארבעטער הארט צום פּאָליטישן מאסן־שטרייק.

פאפּענס קאבינעט אלס איינע פון די פאָרמען פאשיסטישע דיקטא־טור איז אופגעריסן געוואָרן דורך דער קראפט פון מאסן־שטרייק פונעם ארבעטער־קלאס. די רעוואָלוציאָנערע כוואליע האָט מיט איר אופשטייג בעפיירעש אָנגעהויבן דעריאָגן די פאשיסטישע כוואליע, וואָס די בורזשו־אזיע האָט אופגעהויבן. דער שטרייק פון די ארבעטער פונעם בערלינער שטאָטישן טראנספּאָרט האָט באוויזן די ארבעטער און אויך דער בורזשו־אזיע, וואָס פאר א מאכט עס באזיצט דער פראָלעטאריאט, וואָס קעמפט אין אן איינהייט־פראָנט אונטער דער אָנפירונג פון דער קפּד. דער דעמאָלטיקער רייכסווער־גענעראל פאָן־שלייכער האָט דערקלערט, אז ווען דער שטרייק פון די ארבעטער פונעם בערלינער שטאָטישן טראנספּאָרט וואָלט זיך פאר־צויגן און פארשטארקט, וואָלט דער גאנצער אפּאראט פון דער פּרייסישער פּאָליציי ניט געווען אימשטאנד צו זיכערן די מלוכה־אָרדענונג.

די פאָליטישע באַדײַטונג פון דער כוואַליע מאַסנ-שטרײַקנ האָט זיכ אָפגעשפּיגלט אויכ אפנ אויסגאַנג פונ די וואַלנ אינ רײַכסטאַג דעם 6-טנ נאָיאַבער, ווענ די פאַשיסטישע פאַרטײ פונ דער דײַטשישער בורזשואַזיע האָט פאַרלאָרנ 2 מיליאָנ שטימענ. דאָס וואַקלדיקע קלײנבירגערטום האָט אָנגעהויבנ זיכ אָריענטירנ אפ די קעמפנדיקע אַרבעטער. עס האָט זיכ באַשטעטיקט די לעניִנשע לערע וועגנ דעם, אַז בלויז דער פּראָלעטאַריאַט מיט זײַנ רעוואָליוציאָנערער אַקטיווקײַט קאָנ מיטציִענ אפנ רעוואָליוציאָנערנ וועג די צווישנ-קלאַסנ.

אָנ דער שטרײַקברעכערײַ מיצאַד דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע אונ איר פּראָפבוראָקראַטיע וואָלט דער בורזשואַזיע זיכ ניט אײַנגעגעבנ אָפּשטעלנ די ברײטע שטרײַק-כוואַליע. אָבער דער צק פונ דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פאַרטײ אונ די פאַרוואַלטונג פונ דער אַלגעמײנער דײַטשישער פאַרײניקונג פונ די פּראָפפאַרײנענ (א.ד.ג.ב. — אַלגעמײַנער דויטשער געווערקשאַפטסבונד) האָבנ אומדערבאַרעמדיק אונטערדריקט יעטווידע שטרײַק אונ האָבנ זיכ אָפנ געשטעלט אפ דער זײַט פונעם פאַשיסטישנ מעלוכע-אַפּאַראַט. אַזאַ אופירונג זײערע האָט אָנשוילעכ באַוויזנ די אַרבעטער, אַז די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע אונ די א.ד.ג.ב. שטערנ דעם דײַטשישנ פּראָלעטאַריאַט דורכפירנ דערפאָלגרײַכ זײַנע שלאַכטנ, אַז זײ שטעלנ זיכ אינ וועג קעגנ דער אײנהײַט פונעם דײַטשישנ פּראָלעטאַריאַט. ניט דערלאָזנדיק דעם אַלגעמײנעם שטרײַק, האָבנ זײ געמאַכט מעגלעכ, אַז עס זאָל אײַנגעשטעלט ווערנ די אָפענע טעראָריסטישע דיקטאַטור פונעם פינאַנצ-קאַפּיטאַל.

פאַפּענס רעגירונג, וואָס די שטרײַק-באַוועגונג האָט אַראָפּגעוואָרפנ, האָט אָפּגעטראָטנ דאָס אָרט פאַר שלײכערס קאַבינעט, וואָס מיט זײַנ הילפ האָט די בורזשואַזיע, פאַרדעקנדיק זיכ מיטנ שלײער פונ סאָציאַלער פּראַזעאָלאָגיע, געמאַכט א פּרווו איבערצוגרופּירנ אונ פאַרײניקנ אַלע פאַשיסטישע קרעפטנ, קעדײ אָנצוהײבנ א נײַעמ אַנטשײדענעמ אָנגריפ אפ דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג. וואָס שטאַרקער עס האָט זיכ אַנטוויקלט די באַוועגונג פונ די אַרבעטער פאַרנ אײנהײַט-פראָנט, — וואָס האָט געצוווּנגענ דער בורזשואַזיע פאַרשטאַרקנ אירע פּרוּווּנ צו אונטערדריקנ די רעוואָליוציאָנערע קרעפטנ מיט דער הילפ פונ טעראָר, — אַלצ פאַרשײדנזײַטיקער אונ געשיקטער איז דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע אויסגעקומענ צו מאַנעווּרירנ, קעדײ אײַנצוהיטנ די שפּאַלטונג פונעם פּראָלעטאַריאַט אונ ניט דערלאָזנ צו קײנ מאַסנ-שלאַכטנ. אינ די טעג פונ פאַפּענס קאַבינעט האָט די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע מיט אַלע אירע ווערטער אונ מײַסימ זיכ געסטאַרעט אָפּשטעלנ דעם שטורמיש זיכ אַנטוויקלענדיקנ שטרײַק-קאַמפ פונ די אַרבעטער, אָפּנאַרנ די אַרבעטער אינ דער פראַגע וועגנ דער ערנסטקײַט פונ דער לאַגע אונ דער געפאַר פונעם האַסטיקנ וווּקס פונ פאַשיזם אונ אונטערדריקנ דעם ווילנ פונ די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אַרבעטער צום אײנהײַט-פראָנט. שלײכערס קאַבינעט האָט דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע אונ דער פּראָפבוראָקראַטיע געגעבנ די מעגלעכקײַט אײַנצושלעפערנ די קלאַסנ-וואַכזאַמקײַט פונעם פּראָלעטאַריאַט

בענעגייע דער געפאר, אז עס וועט זיכ ווײַטער פאנאנדערוויקלענ די פּא-
שיסטישע דיקטאטור. די סאָציאַל-דעמאָקראטיע האָט כאראקטעריזירט שליי-
כערס פּאָליטיק אלס א נײַע ערע אינ געביט פונ סאָציאַלע אונ פּאָליטישע
דערגרייכונגענ אפנ פּארלאמענטארישנ באָדנ. די פירער פונ א. ד. ג. ב. מיט
לייפּארטנ אינ דער שפּיצ האָבנ דערהויבנ דעם גענעראל שלייכער ביזנ
ראנג פונ א „סאָציאַלנ“ גענעראל. אָבער כ׳ טעלמאנ האָט אפנ פּארטיי-
צוזאמענפּאָר פונ האמבורגער קרײַז אָנהייב דעקאבער, כאראקטעריזירנדיק די
לאגע, וואָס האָט זיכ געשאפנ מיט שלייכערס אָנקום, געוואָרנט דעם פּראָ-
לעטאריאט מיט די פאָלגנדיקע ווערטער:

„אינ צוזאמענהאנג מיטנ צונויפשטעלנ שלייכערס קאבינעט טרעטנ מיר
ארײַנ אינ א נײַער פארשארפטער סטאדיע פונ דער פאשיסטישער דיקטא-
טור... מיר דארפנ זײַנ אינ דער פולער באוואָפנטקײַט, קעדיי עס זאָלנ אונדז
ניט אומגעריכטערהייט טרעפנ פלוצעמדיקע מאנעווערנ, סענסאציאָנעלע אומ-
געריכטע אָנגריפ-מאָסמיטלענ“.

ווי די פּארטיי האָט זיכ ניט געסטארעט צו מאָביליזירנ די מאסנ ניט
אָפּצושוואכנ דעם שטרײַק-קאמפּ אונ פארשטארקנ דעם קאמפּ קעגנ שלייכערס
קאבינעט, איז דאָכ אינ רעזולטאט פונעם שווינדלערישנ מאנעווער, וואָס
איז דורכגעפירט געוואָרנ בא דער מיטווירקונג פונ דער סאָציאַל-דעמאָקרא-
טישער פּארטיי פונ דײַטשלאנד (ספּד), די שטימונג פונ די מאסנ פאר
דעם שטרײַק געפאלנ. די נאצי האָבנ דאָס טייקעפּ אויסגענוצט אפ דורכ-
פירנ גרויסע פּראָוואָקאטארישע דעמאָנסטראציעס קעגנ דער קפּד, וואָס
האָבנ אינ דער זעלבער צײַט געהאט דעם ציל אופצורײַסנ שלייכערס רעגי-
רונג. די אנטשיידנדיקע שיכטנ פונעם פינאנצ-קאפּיטאל האָבנ אָפּגעשטעלט
די פראגע וועגנ מאכט אינ זינ פונ שאפנ היטלערס רעגירונג אונ אײַנ-
שטעלנ אנ אָפענע פאשיסטישע דיקטאטור. די דעמאָנסטראציע פונ די נא-
ציס דעם 22-טנ יאנואר אינ בערלינ פארנ לאָקאל פונ אונדזער פּארטיי בא
דער קאָלאָסאלער מאָביליזירונג פונ די פּאָליציי-קרעפטנ האָט באטײַט
א פּרווו צונויפציִענ אלע פאשיסטישע קרעפטנ, קעדיי צו פארווירקלעכנ די
דאָזיקע פּלענער פונעם פינאנצ-קאפּיטאל אונ פונ די נאציאָנאל-סאָציאַליסטנ.
די פּארטיי האָט געמאכט אנ אליארעם פארנ גאנצנ ארבעטער-קלאס ניט
נאָר אינ בערלינ, נאָר אויכ אינ גאנצנ לאנד, האָט אים גערופנ צו קאָנטר-
ארויסטרעטונגענ, קעדיי דורכפירנ א פּאָליטישנ פּראָטעסט-שטרײַק, אונ פאר
בערלינ האָט זי געשטעלט די פראגע וועגנ א פּאָליטישנ מאסנ-שטרײַק. אינ
עטלעכע טעג ארום — דעם 25-טנ יאנואר, האָט דער בערלינער פּראָלעטא-
ריאט אינ א מעכטיקער דעמאָנסטראציע באשטעטיקט זײַנ שלאכט-גרייטקײַט
אונ זײַנ פלאמיקנ ווילנ צום איינהײַט-פראָנט. די סאָציאַל-דעמאָקראטיע האָט
די דאָזיקע דעמאָנסטראציע, צו וועלכער עס האָט גערופנ די קפּד, דער-
קלערט אלס „פּוטשיזם“, „פארברעכנ“, „אוואנטיורע“, אָבער אינ דער ווירק-
לעכקײַט האָט זיכ די דעמאָנסטראציע פארוואנדלט אינ איינער פונ די סאמע
מעכטיקע שלאכט-ארויסטרעטונגענ אונ איז דורכגעגאנגענ מיטנ אָנטייל פונ

אַנ אויסערגעוויינלעכ הויכנ פּראָצענט סאָציאַל-דעמאָקראַטישע ארבעטער. די דאָזיקע אויסטרעטונג האָט סיגנאַליזירט דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע די געפֿאַר, אַז עס פֿאַרשטאַרקט זיכ די פֿאַרבינדונג צווישנ די קאָמוניסטנ מיט די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע ארבעטער. די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע האָט ארויסגערוקט דעמ פֿאָרשלאָג צו שליסנ א פּאַקט וועגנ ניט אָנפֿאַלנ צווישנ די פֿירער פֿונ דער קפּד אונ דער ספּד. דעמ דאָזיקנ לאָזונג האָט זי שטאַרק פּראָפּאַגאַנדירט אינ די מאסנ, קוידעמקאָל אינ די אונטערנעמונגענ, אונ דערמיט גופֿע האָט זי געפּרוווּט שטערנ די ארבעטער צוזאַמענפֿירנ זיכ וועגנ א רעוואָליוציאָנערער טאַקטיק פֿונ איינהייט-פֿראָנט פֿונ אונטנ. וועגנ דעמ זאָגט אײדעס די דעמאָנסטראַציע, וואָס די בערלינער אָרגאַניזאַציע פֿונ רײַכס-באַנער האָט אָרגאַניזירט אינ לוסטגאַרטנ מיט א טאָג פֿריִער, איידער היטלער האָט פֿאַרכאַפּט די מאכט. כאָטש דער אָנפֿירער פֿונ די רײַכסבאַנער העלפּערמאַנ האָט דאָרט דערקלערט, אַז ס'איז מעגלעכ, אַז אינ 24 שאָ ארומ וועט שוינ געלייזט ווערנ די פֿראַגע וועגנ אײַנשטעלנ היטלערס דיקטאַטור, האָט מענ צומ קאַמפּ דאָכ ניט גערופֿנ, נאָר, פֿאַרקערט, מע האָט געוואָרנט קעגנ דער זעלבשטענדיקער אקציע פֿונ די קאָמוניסטנ, וואָס איז אָפּגעשאַצט געוואָרנ אַלס פֿאַרברעכנ. אזויארומ האָט די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע דעמ 30-טנ יאַנוואַר, — פּונקט אזוי, ווי פֿריִער דעמ 20-טנ יול — אָנגעשומ פּרוּוו צו קעמפֿנ ארויסגעגעבנ דעמ ארבעטער-קלאַס אפֿנ גנאָד פֿונ דער פֿאַשיסטישער דיקטאַטור.

אינ 24 שאָ ארומ, דעמ 30-טנ יאַנוואַר, האָט די בורזשואַזיע איבערגעגעבנ די רעגירונג-מאכט היטלערס פּאַרטיי מיטנ ציל אײַנצושטעלנ א פֿאַשיסטישע דיקטאַטור. דער וווּקס פֿונ די רעוואָליוציאָנערע קרעפֿטנ האָט געצווּנגענ די בורזשואַזיע צו מאכנ א פּרוּוו באַופֿטראָגנ צעגראָמירנ די רעוואָליוציאָנערע ארבעטער-באַוועגונג דער סאַמע פֿעסטער מאסנ-פּאַרטיי פֿונ דער בורזשואַזיע, וואָס איז ביז דאַנ געשטאַנענ אויסער דער רעגירונג.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט זיכ טייקעפּ געווענדעט צו דער ספּד אונ צו דער א. ד. ג. ב. מיט א נײַעמ פֿאָרשלאָג וועגנ אָרגאַניזירנ אַנ אַלגעמיינעמ שטרײַק אונ האָט גערופֿנ די מאסנ צומ קאַמפּ, ארויסרוקנדיק פֿאָלגנדיקע לאָזונגענ: „אפֿ די גאַסנ!“ „אָפּשטעלנ די אונטערנעמונגענ!“, „אפֿ דער אטאַקע פֿונ די פֿאַשיסטישע בלוט-הינט ענטפֿערנ מיט א שטרײַק, מיט א מאסנ-שטרײַק, מיט אַנ אַלגעמיינעמ שטרײַק!“

די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע האָט אָפּגעוואָרפֿנ דעמ פֿאָרשלאָג וועגנ אַנ אַלגעמיינעמ שטרײַק, האגאַמ נאָכ מיט 24 שאָ צוריק בײַ'ס דער דעמאָנסטראַציע אינ לוסטגאַרטנ האָט זי צוויִעסדיק גערעדט וועגנ אָנווענדנ „עקסטרעמע קאַמפּ-מיטלענ“ קעגנ דעמ פּרוּוו אײַנצושטעלנ היטלערס דיקטאַטור. זי האָט דערקלערט, אַז היטלערנ האָט הינדענבורג גערופֿנ אפֿנ גרונט פֿונ דער קאָנסטיטוציע, אַז דער פּראָלעטאַריאַט דאַרפֿ ניט „פּריצײַטיק פֿאַרווענדנ דעמ פּולווער פֿונ גענעראַל-שטרײַק“ אונ אַלע קרעפֿטנ דאַרפֿנ זײַנ קאָנצענטרירט אפֿ די רײַכסטאַג-וואַלנ, וואָס זײַנענ באַשטימט אפֿנ 5-טנ מאַרט.

די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע האָט געלאָזן אין גאַנג די שטאַרקסטע פון אירע שאַרלאַטאַנישע מאַנעווערן, קעדיי אָפּצוהאַלטן די מאַסן פון קאַמף. זי האָט דערקלערט, אַז היטלער וועט אויסקומען צו רעגירן, אָנשפּאַרנדיק זיך אויף דער קאָנסטיטוציע, אַז ער „כאַפּט נישט קיין שטערן פון הימל" און אַז ער וועט זיך אַליין אויסלעבן. נאָך דעם, ווי די שטרייק-באַוועגונג איז בײַם שלײַכערס קאַבינעט פאַרשטיקט געוואָרן צוליב דער שולד פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, האָט דאָס קלײַנבירגערטום, וואָס די שאָוויניסטישע אַגיטאַציע פון די נאַצי האָט זי אונטערגעהיצט, אַ קער געטאָן זיך אויף דער זײַט פון די היטלעראָווצעס, וואָס האָבן אים אויסגענוצן צו זײַן שטאַרקער.

אַזוי אַרום האָט די פּאָליטיק פון שפּאַלטן דעם אַרבעטער-קלאַס, וואָס די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע האָט דורכגעפירט, געבראַכט דערצו, אַז זי האָט געשטערט דער מערהײַט פון אַרבעטער-קלאַס נאָכצופאָלגן נאָך דעם שלאַכט-רוף פון דער קפּד ניט צו דערלאָזן די פאַשיסטישע דיקטאַטור. אָבער אָן דער אונטערשטיצונג פון דער מערהײַט פון אַרבעטער-קלאַס איז די קפּד ניט געווען אימשטאַנד צו אָרגאַניזירן אַן אַלגעמײנעם שטרײַק און זיגרײַך פירן אַ קאַמף קעגן היטלערס דיקטאַטור. זי וואָלט באַגאַנגען אַ פאַרברעכן בנוגע דעם גאַנצן אַרבעטער-קלאַס, ווען זי וואָלט בלויז די באַדינ-גונגען געפירט צום קאַמף בלויז דעם אַוואַנגאַרד. גאַנץ ריכטיק ווערט גע-זאָגט אין דער רעזאָלוציע וועגן דער לאַגע אין דײַטשלאַנד, וואָס דער פּרעזידיום פון אויספּירקאָם פון קאָמינטערן האָט אָנגענומען דעם 1-טן אַפּריל:

„די כאַראַקטעריסטישע באַזונדערקײַט פון דער סיטואַציע אינעם מאָ-מענט פון דער היטלערישער איבערקערעניש באַשטייט אין דעם, וואָס די דאָזיקע באַדינגונגען פונעם זיגרײַכן אויפשטאַנד האָבן נאָך ניט באַוויזן רײַף צו ווערן צו יענער צײַט, — זיי זײַנען געווען בלויז אין עמבריאָנעלן צו-שטאַנד".* און די רעזאָלוציע ברענגט דאָ גלײַך לעניניס פאָלגנדיקן טעזיס:

„מיטן אַוואַנגאַרד אַליין קאָן מען ניט זיגן. וואַרפן בלויז דעם אַוואַנ-גאַרד אין אַנטשיידנדעם קאַמף, קאָלזמאַן דער גאַנצער קלאַס, קאָלזמאַן די ברייטע מאַסן האָבן ניט פאַרנומען די פּאָזיציע אָדער פון דירעקט אונטער-שטיצן דעם אַוואַנגאַרד, אָדער וויניקסטנס פון גינסטיקער נייטראַליטעט בנוגע אים... וואָלט געווען ניט בלויז אַ נאַרישקײַט, נאָר אויך אַ פאַר-ברעכן..." **

אויף דער דײַטשישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע און פּראָבאָקאַטיע פאַלט אַ גוואַלדיקע שולד: מיטן שפּאַלטן דעם אַרבעטער-קלאַס און מיט זייער פאַרברעכערישער פּאָליטיק האָבן זיי געהאָלפן דעם פאַשיזם באַקומען ענד-לעך די מאַכט און האָבן געשאַפן די מעגלעכקײַט אײַנצושטעלן די פאַשיס-

---

* „קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל", נומ. 11, זײַט 5, 1933 יאָר.

** לענין, קינדער-קראַנקײַט פון „לינקײַט" אין קאָמוניזם, ווערק, באַנד XXV, זײַט 229, צווייטע אויפלאַגע.

טישע דיקטאטור. פונקט אזוי, ווי אין 1918 יאָר האָט די סאָציאַל־דעמאָ־קראַטיע צעגראָמירט די פּראָלעטארישע רעוואָלוציע, אזוי האָט זי איצט אָפּ־גענארט די מאסן מיט דער פלוידעריי וועגן דער פרידלעכער דעמאָקראַטי־שער אנטוויקלונג צום סאָציאַליזם אָן דער דיקטאטור פון פּראָלעטאַריאַט. זי האָט דערפירט די מאסן צו דער פאשיסטישער הערשאפט. זי טראָגט די פאראנטוואָרטלעכקייט פאר דעם, וואָס היטלער און זיינע באנדעס האָבן פארפייניקט אַפ טויט הונדערטער רעוואָלוציאָנערע קעמפער, וואָס הונדערטער טויזנטער האָט מען אריינגעוואָרפן אין די קאָנצענטראַציע־לאגערן.

די ריכטיקייט פון דער טאקטיק און סטראטעגיע פון אַלע קאָמוניסטי־שע פארטייען, וואָס פירן אַן אומבעשאָלעמדיקן קאמף קעגן מענשעוויזם פון אַלע קאָלירן, האָט בעסער ניט געקאָנט באַשטעטיקט ווערן, איידער מיט די דייטשישע געשעענישן. דעראָבערן די מערהייט פון ארבעטער־קלאַס דורך אויסוואָרצלען דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן איינפלוס, אין דער ערשטער ריי אין די פּראָפאַריינען, פארשטארקן דעם קאמף קעגן אַלערליי סאָציאַל־דע־מאָקראַטישע ווירקונגען אינווייניק אין אונדזער פארטיי, קעגן אַלע מינים אָפּאָרטוניזם — אָט דאָס איז די גרונט־לעקציע, וואָס עס גיט אונדז די גע־שיכטע וועגן דעם, וויאַזוי דער פאשיזם האָט פארכאפּט די מאכט אין דייטשלאנד, די גרונט־פאָרהאנאָכע פון אונטערדריקן די פאשיסטישע דיקטא־טור און פון איינשטעלן די דיקטאטור פון פּראָלעטאַריאַט.

וויאַזוי האָט זיך אויפגעפירט די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע נאָכן 30־טן יאַנ־וואַר, נאָך דעם, ווי עס איז איינגעשטעלט געוואָרן די היטלערישע דיקטא־טור? די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט פאָרגענומען אַלע מאָסמיטלען, קעדיי ניט לאָזן דעם ארבעטער־קלאַס פאנאנדערקלייבן זיך אין דעם ווירקלעכן כאראקטער פון היטלערס דיקטאטור, קעדיי אָפּהאַלטן די פּראָלעטאַריער פון יעטווידן ערנסטן קאמף און ברענגען דעם ארבעטער־קלאַס אין די לאַפּעס פון היטלערס דיקטאטור. די „מעטאלארבייטערצייטונג" פון 1־טן אפּרעל 1933 יאָר — נאָך ביז דער „אוניפיקאַציע" — האָט געשריבן:

„אויב איצט וועלן ענדלעך ווירקלעך אָנגענומען ווערן ענערגישע קאמף־מיטלען קעגן דער עקאָנאָמישער נויט, וועט זיך קיינער ניט אָפּרופן אַפ דעם מער הייס, איידער די פּראָפאַריינען. פארשטייט זיך, אז זיי וועלן זיך ניט אָפּזאָגן פון מיטארבעט. אויב די רעגירונג וועט זיך אינעם איצ־טיקן מאָמענט אופריכטיק אַ נעם טאָן פאר דער זאך, איז איר באוואָרנט די מאָראַלישע אונטערשטיצונג אויך פון יענע 48 פּראָצ. פון פאָלק, וואָס האָבן דעם 5־טן מארט ניט געשטימט פאר איר".

די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּראָפבּיוראָקראַטיע האָט דעם 1־טן מיי גע־רופן די ארבעטער צו דעמאָנסטרירן אונטער היטלערס פאשיסטישע פאָנעס. וואַלטער פּאַל, איינער פון לייפּאַרטס נאָענטסטע פריינט, האָט געשריבן אין אַן ארטיקל צום 1־טן מיי, וואָס די גאנצע פּראָפאַריינישע פּרעסע האָט איבערגעדרוקט:

„אונדז קומט ווירקלעך ניט אויס צו בייטן דעם פראָנט, קעדיי צו

אנערקענען, אז דער ניצחון פונעם נאַציאָנאַל-סאָציאַליזם, כאָטש ער איז דעראָבערט געוואָרן אין קאַמף קעגן דער פּאַרטיי, וואָס מיר האָבן גע-האַלטן פאַרן טרעגער פון די סאָציאַליסטישע אידייען, איז אויך אונדזער ניצחון, אַפ וויפל די סאָציאַליסטישע אויפגאַבע ווערט איצט געשטעלט פאַר דער גאַנצער נאַציע."

די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע רייכסטאַג-פראַקציע האָט דעם 17-טן מיי באַגריסט היטלערס רעגירונג-דעקלאַראַציע, און דער סאָציאַל-דעמאָקראַטי-שער צק, מוירע האָבנדיק פאַר היטלערן אָדער לויט זיין באַפעל, איז אַרויס פון II אינטערנאַציאָנאַל. אויב היטלער האָט ניט געקוקט אַפ די דאָזיקע דינסטן פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, פאַרווערט די סאָציאַל-דעמאָקראַטי-שע אָרגאַניזאַציע, איז עס ניט דערפאַר, ווייל זי האָט מיט זיך פאַרגע-שטעלט א געפאַר פאַר דער פאַשיסטישער דיקטאַטור, נאָר דערפאַר, ווייל אויב עס וואָלט אויך ווייטער פאַרגעזעצט געוואָרן דאָס דאָזיקע אָפענע, אומגעלומפּערטע פאַראַטן די אינטערעסן פון ארבעטער-קלאַס, וואָלטן די לעגאַלע אָרגאַניזאַציעס פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע אָן צווייפל געוואָרן א נעסט פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער ארבעטער-אָפּאָזיציע קעגן דער קאָנטררעוואָליוציאָנערער אָנפירונג און בעמיילע אויך קעגן דער פאַשיסטי-שער דיקטאַטור, אַפ וויפל די דאָזיקע ארבעטער וואָלטן ניט אריבער די-רעקט צו די קאָמוניסטן. [redacted]

די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע פאַרבלייבט אויך נאָכן פאַרבאָט דער הויפּט-סאָציאַלער אָנשפּאַר פון דער בורזשואַזיע. זי זעצט פאָר די פּאָליטיק פון שפּאַלטן דעם ארבעטער-קלאַס און סטאַרעט זיך אפילע צו פאַרשטאַרקן זי. איר קאַמף, העצע, רעכילעס זיינען געווענדט בלויז קעגן דער קאָמו-ניסטישער פאַרטיי, זי סאַבאָטירט דעם קאַמף פון די מאַסן קעגן דעם פאַ-שיזם, זי טאָרמאָזירט דעם דאָזיקן קאַמף, דעם דאָזיקן איינציקן רעוואָליו-ציאָנערן אויסוועג. זי שטרעבט צו באַניען די קאָאַליציע-פּאָליטיק אַפ א העכערער שטופע, וואָס וואָלט אין דער איצטיקער סיטואַציע זיך געקאָנט אויסדריקן אין דער פאָרם פון א בלאָק מיט הוגענבערגן.

די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע זעצט פאָר דעם קורס אַפ שאַפן רעזערוון, קעדיי בא די ערשטע סימפּטאָמען פונעם קראַך פון דער פאַשיסטישער דיק-טאַטור קומען אַרויסהעלפן דעם קאַפּיטאַליזם, קעדיי, ווי אין 1918 יאָר, אַרויסטרעטן אין דער ראָליע פונעם באַגראָבער פון דער דייטשישער רע-וואָליוציע.

די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע לעבט איבער איר גרעסטן קריזיס. זי געפינט זיך אין א צושטאַנד פון צעפאַלונג, אין א צושטאַנד פון טיפסטער יערידע. עס וואָלט אָבער געווען א טאָעס צו מיינען, אַז זי האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירן. אַפ אונדז, קאָמוניסטן, ליגט די אויפגאַבע צו פאַרניכטן זי. יעטווידע וואַקלונג אין אונדזער קאַמפ-איינשטעלונג בענעגייע דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, יעטווידע ניט-קלאָרקייט אין אונדזער פּאָליטיק פון איינהייט-פראָנט אַפ דעראָבערן די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע מאַסן פאַרשטאַרקן די

געפאר, אז די סאָציאל-דעמאָקראטיע זאָל זיכ ווידער פארפעסטיקנ און אז זי קאָנ אונדז פארצאמענ דעם וועג איינצושטעלנ אנ איינהייטלעכנ פראָלעטארישנ פראָנט. מיר מוזנ דעריבער מיט דער גרעסטער אופמערקזאמקייט נאָכשפירנ די אופירונג פונ דער סאָציאל-דעמאָקראטיע, באזונדערס אפ די מאנעווערנ פונ די רעכטע און „לינקע" סאָציאל-דעמאָקראטישע פירער, — אפ יענע מאנעווערנ, וואָס מיט זייער הילפ סטארענ זיי זיכ אראָפפירנ די ארבעטער פונ וועג. דאָס איינשטעלנ די פאשיסטישע דיקטאטור האָט געשאפנ בא די ברייטע שיכטנ סאָציאל-דעמאָקראטישע ארבעטער זייער א געדריקטע שטימונג, וואָס האָט זיכ בא די אזויגערופענע „לינקע" פארוואנדלט אינ א פאניק. איכ וועל ברענגענ בלויז עטלעכע ארויסזאָגונגענ פונ די דאָזיקע „לינקע":

„אינ דייטשלאנד זיינענ מיר אינגאנצנ צעקלאפט."

„דער דעמאָקראטישער סאָציאליזמ האָט פארלאָרנ זיינע שטארקסטע פאָזיציעס ניט בלויז אינ מיטל-אייראָפע, — נאָר אויכ אינ דער גאנצער וועלט", — האָט זיכ געקלאָגט בינשטאָק.

„מיר גייענ אנטקעגנ דעם מיטלאלטער... די ארבעטער-באוועגונג וועט אָפגעוואָרפנ ווערנ צוריק אפ גאנצע יאָרהונדערטער", — שרייבט מילעס.

„מיר האָבנ געליטנ א שרעקלעכע מאפּאָלע", — יאָמער'נ די טראָצקיסטנ און בראנדלעריסטנ.

די גרופע נוימאנ-רעמעלע יאָמערט איבער דעם „ניצאָכנ פונ פאשיזמ און דער מאפּאָלע פונעמ פראָלעטאריאט". אייניקע טאָלעראנטלער, וואָס זיינענ אופגעשטאנענ טכיעסאמייסימ, האלטנ אונטער די דאָזיקע קאָנטררעוואָליוציאָנערע געשרייענ.

דער סאָציאל-דעמאָקראטישער צק, וואָס האָט עמיגרירט קיינ פראָג, האָט פארשטאנענ די געפאר פונ דער דאָזיקער קאצניאמער-שטימונג פאר דער סאָציאל-דעמאָקראטיע. אינ דער פלאטפאָרמ, וואָס איז אינ איילעניש צונויפגעשטוקעוועט געוואָרנ און וואָס איז אָנגערופנ געוואָרנ אלס פלאטפאָרמ פונ דער „רעוואָליוציע קעגנ היטלערנ", שטעלט ער זיכ אינ א פאָזע און דערקלערט, אז די סאָציאל-דעמאָקראטיע קאָנ עקזיסטירנ בלויז אלס „רעוואָליוציאָנערע סאָציאל-דעמאָקראטיע" און אז היטלערס „גאנצלעכער מעלוכע" דארפ מענ קעגנשטעלנ די „גאנצלעכע רעוואָליוציע". אָבער מיט איר גאנצער פאָליטיק נעמט ער א קורס אפ איבערצייגנ די בורזשואזיע אינ דער נויטווענדיקייט אויסצונוצנ די סאָציאל-דעמאָקראטיע, קעדיי „ניט לאָזנ דייטשלאנד ארייַנפאלנ אינ א באָלשעוויסטישנ כאאָס", ווי וועלס זאָגט.

די סאָציאל-דעמאָקראטישע פירער, וואָס זיינענ פארבליבנ אינ לאנד, קוידעמקאָל די אלטע און די נייע „לינקע" פירער, פארשטייענ אָבער, אז מיט אזא אומגעלומפערטער ניט-פארדעקטער אנטיבאָלשעוויסטישער פראָגראמ, ווי די פראָגראמ פונ צק ספד, קאָנ מענ ניט אָפהאלטנ די סאָציאל-דעמאָקראטישע ארבעטער פונ אוועקגייענ אינעמ קאָמוניסטישנ לאגער. גראָד דער אומופהערלעכער קאמפ פונעמ רעוואָליוציאָנערנ אוואנגארד פירט ארויס

די סאָציִאל־דעמאָקראטישע ארבעטער פונעמ דעפרעסיע־צושטאנד אונ ציט זיי אריַינ אינעמ אנטיפאשיסטישנ פראָנט. א סאכ פונ זיי ארבעטנ מיט סאָלידאריש מיט אונדז, קאָמוניסטנ, אונ פארשפרייטנ אונדזערע צייַטונגענ, בלעטלעכ, ליטעראטור. זייער אופגעבראכטקייַט קעגנ דעמ פאראט אונ קעגנ דער פאכדאָנעס פונ די פירער שטויסט זיי דורכצוקאָנטראָלירנ קריטיש די גרונט־פראָבלעמעס פונ דער ארבעטער־באוועגונג. זיי הייבנ אָנ צו פארשטיינ, אז דער וועג פונ „פרידלעכנ אריַינוואקסנ“ אינעמ סאָציִאליזמ, וואָס זייערע פירער פראָפאגאנדירנ, האָט געפירט דורכ דער בורזשואזער דעמאָקראטיע צו דער פאשיסטישער דיקטאטור. זיי פארנעמענ זיכ זייער ערנסט מיט באהאנדלענ די פראָבלעמעס פונ דער בורזשואזער אונ פראָלעטארישער דיקטאטור, פונ דער בורזשואזער אונ פראָלעטארישער דעמאָקראטיע אונ פונ אָנגווענדנ גוואלדטאט אינעמ קלאסנקאמפ. זיי הייבנ אָנ צו באנעמענ, אז די סיבעס, פארוואָס עס איז אייַנגעשטעלט געוואָרנ די פאשיסטישע דיקטאטור, שטעקנ אינ דער צעשפאלטערישער פאָליטיק פונ זייערע פירער אונ אז די דאָזיקע צעשפאלטערישע פאָליטיק האָט אירע וואָרצלענ שוינ אינ דער פארמילכאָמעדיקער פאָליטיק פונ דער סאָציִאל־דעמאָקראטיע. דאָס דאָזיקע באנעמענ אונ די אָפאָזיציִאָנעלע שטימונג, וואָס וואכט אופ בא די סאָציִאל־דעמאָקראטישע ארבעטער, פרווונ די „לינקע“ פראזיאָרנ פונ דער סאָציִאל־דעמאָקראטיע אריבערכאפנ דורכ א ברייטער קאמפאניע פונ „זעלבסטקריטיק“, קעדיי צו שטערנ דעמ אייַנציקנ ריכטיקנ רעוואָלוציִאָנערנ אויספיר — דאָס אריבערגייַנ פונ די ארבעטער אינ דער קפד.

מילעס, דער אגענט פונ דעמ צק ספד אינ א „לינקער“ מאסקירונג, שרייַבט אינ דער בראָשור „פאשיזמ אָדער סאָציִאליזמ“:

„דעריבער איז געווענ א היסטאָרישע איליוזיע דער גלויבנ אינ דעמ, אז די דייַטשישע סאָציִאל־דעמאָקראטיע איז ביז אווגוסט 1914 יאָר געווענ א רעוואָלוציִאָנערע, מארקסיסטישע פארטיי אונ נאָכ דעמ, צוליבנ ניט פארשטיינ אָדער צוליב דער נידערטרעכטיקייַט פונ די פירער, האָט זי פאראטנ דעמ מארקסיזמ. זי האָט בעשומויפנ ניט געקאָנט פאראטנ די פרינציפנ, בא וועלכע זי האָט זיכ קיינמאָל ניט געהאלטנ. אווגוסט 1914 יאָר איז ניט געווענ קיינ אָנהייב פונ דער פארקלייַנבירגערונג פונ דער סאָציִאל־דעמאָקראטיע, נאָר בלויז איר דעמאסקירונג. ער האָט בלויז אָפנ דעמאסקירט דאָס, וואָס עס האָט שוינ שטענדיק עקזיסטירט... פונקט אזוי איז די דייַטשישע סאָציִאל־דעמאָקראטיע אינעמ פאָלגנדיקנ פעריִאָד פונ דער וויימארער רעפובליק געבליבנ געטרייַ אירע פרינציפנ, וואָס פארפעסטיקנ די בורזשואזע מעלוכע אונ דעמ קאפיטאליזמ“.

די דאָזיקע אנערקענונג איז געמאכט געוואָרנ מיטנ דעמאגאָגישנ ציל — איבערצייַגנ די סאָציִאל־דעמאָקראטישע ארבעטער, אז איצט וועט אלצ אוועקגייַנ קעשורע אינ דער סאָציִאל־דעמאָקראטיע, אונ, קעדיי אזויארומ אָפהאלטנ זיי פונ אנערקענענ די ריכטיקייַט פונ דער קאָמוניסטישער פאָליטיק פונ אייַנהייַט־פראָנט, הייבנ אָנ די „לינקע“ אגענטנ פונעמ סאָציִאל־דעמאָ־

קראַטישנ צק אינווייניק אינ לאַנד אונ אינ דער עמיגראַציע צו פירנ א פרעכע שפּיל אינ ראַדיקאַליזם. אפ דער פּאַריזשער קאָנפערענצ פונעם II אינטערנאַציאָנאַל האָט אופהייזער גערעדט וועגנ דער נויטווענדיקייט פונ א „דערציִערישער דיקטאַטור אַלס איבערגאַנג-סטאַדיע."

מאַכמעס די וואַקסנדיקע סימפּאַטיעס פונ די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אַרבעטער צו דער אומגעוואַקלטער מעכטיקייט פונ פסטר אונ פונ די גרויסע דערפאָלגנ פונ דער סאָציאַליסטישער בויונג, פּרוּװנ די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע דעמאַגאָגנ יוּיצע זײַנ פאַר דער דאָזיקער שטימונג מיט עטלעכע פראַזנ, קעדיי גלײַכ אפנ אָרט מאַכנ א פּרווו צו איבערצײַגנ די אַרבעטער אינ דער „ניטאָנוועדבאַרקייט פונ דער באָלשעוויסטישער טאַקטיק פאַר מײַרעוו-אייראָפּע". זיי דערקלערנ אפ א פרעכנ אויפנ, אַז דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל, וואָס אַריבערטראָגנדיק די באָלשעוויסטישע טעאָריעס אונ טאַקטיק, וועלכע האָט געבראַכט צום ניצאָכנ פונ דער אָקטיאַבער-רעוואָליוציע, אפ דער דײַטשישער אַרבעטער-באַוועגונג, האָט סאָפּקאָלסאָפּ געבראַכט צו דער מאַכט די פאַשיסטישע דיקטאַטור. אַזוי, שרײַבנ מילעס, וואָס מיר האָבנ אים שוינ דערמאָנט, אינ דער בראָשור „פאַשיזם אָדער סאָציאַליזם":

„די שפּאַלטונג פונ דער דײַטשישער סאָציאַליסטישער אַרבעטער-באַוועגונג, וואָס דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל האָט אַרויסגערופנ, זאָל זײַנ אפילע צוליב רעוואָליוציאָנערע מאָטיוונ, איז די עמעסע סיבע פונעם באַנקראָט פונ דער אַרבעטער-באַוועגונג".

די דאָזיקע זשוליקעס ווילנ אײַנריידנ די אַרבעטער, אַז ביידע פאַרטייענ — דה. אויכ די קפד — האָבנ באַנקראָטירט אונ אַז די פירער פונ ביידע פאַרטייענ טראָגנ דערפאַר די פאַראַנטוואָרטלעכקייט. די אַנטוישונג פונ די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אַרבעטער אינ זייער פאַרטיי-אָנפירונג ווילנ זיי אַריבערטראָגנ אויכ אפ דער קאָמוניסטישער פאַרטיי, קעדיי אַזויאַרום אָפּצוהאַלטנ די אַרבעטער פונ אָנשליסנ זיכ אָנ דער קפד. דערבײַ שפּאַרנ זיכ אָנ די דאָזיקע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע שווינדלער אפ דער אונטערשטיצונג פונ אַלע באַנדעס טראָצקיסטנ, פונ דער „לינקער" טרפּ אונ פונ די בראַנדלעריסטנ, וואָס ווילנ פאַרטיפנ די שפּאַלטונג אינעם אַרבעטער-קלאַס, פּראָיעקטירנדיק צו שאַפנ א נײַע פאַרטיי אונ אפילע א IV אינטערנאַציאָנאַל, אונ קומענ דערמיט גופע צו הילפ דער בורזשואַזיע אונ דעם פאַשיזם.

אונדזער אופגאַבע איז צו דעמאַסקירנ פאַר די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אַרבעטער די ראָליע פונ די דאָזיקע אַגענטנ פונעם פאַשיזם אונ אַרײַנציִענ די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אַרבעטער אינעם טאָגטעגלעכנ קאַמפ קעגנ היטלערס דיקטאַטור; אויסשמידנדיק אַזויאַרום דעם אייניקײַטלעכנ פראָנט, דאַרפנ מיר באַפרײַענ די דאָזיקע אַרבעטער פונ אַלע רעשטלעכ סאָציאַל-דעמאָקראַטישע טראַדיציעס אונ אַרײַנציִענ זיי אַלס אָרגאַניזירטע קעמפער אינעם קאָמוניסטישנ קאַמפ-פראָנט.

אינ אונדזער „אָפענעם בריוו צו די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אַרבעטער"

האָבנ מיר געוויזנ די גרונט־ליניע פונ אונדזער קאמפ פאר דער איינהײַט פונ דעם אייגענעם קלאס אונ האָבנ פולשטענדיק קלאָר געשטעלט די פראגע וועגנ דער פראָלעטארישער דיקטאטור אונ וועגנ דער ראטנמאכט. אינ אונדזער פראקטישער פּאָליטיק ווײַזנ זיכ אָבער ארויס איידיקע שוואכקײַטנ, צײַטנווײַז אפילע זייער געפערלעכע אָפּאָרטוניסטישע אָפּנייגנ. באזונדערס ווײַזט זיכ דאָס ארויס דאָרט, ווו אונדזערע כאוויירימ טײַטשנ פאלש אויס די פּאָליטיק פונ איינהײַט־פראָנט אונ העלפנ דערמיט די סאָציאל־דעמאָקראטישע ארבעטער צו שאפנ אייגענע אומלעגאלע אָרגאניזאציעס פונ דער ספד. מיר דארפנ גאנצ קלאָר זאָגנ די סאָציאל-דעמאָקראטישע ארבעטער, אז יעטווידער אופשטעלנ די צעגראָמירטע סאָציאל־דעמאָקראטישע אָרגאניזאציעס איז שעדלעכ פאר דער זאכ פונעמ ארבעטער־קלאס, אז בלויז די קאָמוניסטישע פארטיי איז די איינציקע ארבעטער-פארטיי. ניט ווייניקער שעדלעכ איז דאָס, וואָס צוליב דער מוירע, אז די סאָציאל-דעמאָקראטישע ארבעטער וועלנ זיכ ארויסווײַזנ אינ דער מערהײַט, שטערנ אונדזערע כאוויירימ די דאָזיקע ארבעטער אריבערצוגיינ אינ דער קאָמפארטיי. פארשטייט זיכ, אז די דאָזיקע ארבעטער וועלנ נאָכנ אריבערגיינ צו אונדז מיטאמאָל ניט ווערנ קיינ קאָמוניסטנ, אָבער שוינ זייער באשלוס צו גיינ צו אונדז, דערצו נאָכ אינ א צײַט פונ אונטערערד, באווײַזט, אז זיי האָבנ אײַנגעריסנ מיט דער סאָציאל־דעמאָקראטישער טראדיציע. פונ דער ארבעט פונ אונדזערע כאוויירימ וועגדט זיכ צו העלפנ זיי ווערנ גוטע קאָמוניסטנ. מיר דארפנ, פארשטייט זיכ, באוואָרענענ א פעסטע קאָמוניסטישע אָנפירונג אינ אונדזער אָרגאניזאציע אונ אינ אלע אונדזערע ארויסטרעטונגענ.

דאָס זעלבע באציט זיכ אויכ צומ דעראָבערנ די סאָציאל־דעמאָקראטישע ארבעטער אינ די פראָפאריינענ אפ דער זײַט פונ שאפנ אומאָפּהענגיקע קלאסעווע פראָפאריינענ. מיר דארפנ ארויסרוקנ דעמ לאָזונג: „יעדער קאָמוניסט — אנ אָנפירער פונ פינפ סאָציאל־דעמאָקראטישע ארבעטער אונ געווייגלעכע פראָפאריינ־מיטגלידער".

מיר דארפנ קעמפנ אויכ קעגנ אנ אנדער פאלשער אײַנשטעלונג, אז די סאָציאל־דעמאָקראטישע ארבעטער וועלנ, קלוימערשט, אליינ צו אונדז קומענ אונ אז מיר האָבנ זיכ באזונדערס ניט וואָס צו זאָרגנ וועגנ זייער אריבערגיינ אינ אונדזער אָרגאניזאציע.

די איצטיקע סיטואציע אינ דער דײַטשישער ארבעטער-באוועגונג גיט אונדז די מעגלעכקײַט צו ליקווידירנ דעמ מאסנ-אײַנפלוס פונ דער סאָציאל־דעמאָקראטיע אונ אופשטעלנ די איינהײַט פונ דער ארבעטער־באוועגונג אפ א רעוואָליוציאָנערער באזע. מע דארפ איבערצײַגנ די סאָציאל-דעמאָקראטישע ארבעטער אינ דער נויטווענדיקײַט צוזאמענ מיט אונדז אינ רעוואָליוציאָנערנ איינהײַט־פראָנט, אינ דער קאָמוניסטישער פארטיי, אינ די אומאָפּהענגיקע קלאסעווע פראָפאריינענ גיינ צו דער רעוואָליוציע, צו באפרײַענ דעמ ארבעטער־קלאס, צומ סאָציאליזמ.

V. די ראָליע פונ דער פארטיי אונ דער רעוואָליוציאָנערער אויסוועג פונעמ קריזיס

1. די פאָרהאנאָכעס פונ דער רעוואָליוציע

די פארטיי האָט פאר איר צענטראַלער אופגאבע דאָס צופירנ דעמ פראָלעטאריאט צומ קאמפ פאר דער מאכט מיט דער הילפ פונ פאָליטישנ מאסנ־שטרייק, פונ אלגעמיינעמ שטרייק. די אנטשיידנדיקע פאָרהאנאָכע דערצו איז דאָס דעראָבערנ די מערהייט פונ ארבעטער-קלאס אפנ באָדנ פונ אָרגאניזירנ אונ פירנ עקאָנאָמישע אונ פאָליטישע טיילווייזע שלאכטנ, פונ שאפנ אנ איינהייטלעכנ קאמפ־פראָנט מיט די סאָציאל-דעמאָקראטישע ארבעטער אונ פונ דעראָבערנ די קריסטלעכע ארבעטער אונ די ארבעטער, וואָס די נאציאָנאל־סאָציאליסטנ האָבנ אָפגענארט, אונ אויכ די אומפארטייִשע ארבעטער. די פארווירקלעכונג פונ דער דאָזיקער גרונט־אופגאבע איז אפנ ענגסטנ אויפנ פארבונדנ מיטנ שאפנ אומאָפהענגיקע קלאסעווע פראָפאריינענ אלס ווירקלעכע מאסנ-אָרגאניזאציעס, וואָס גרייטנ צו אונ פירנ דורכ די עקאָנאָמישע קאמפנ פונעמ פראָלעטאריאט. די דאָזיקע פראָפאריינענ דארפנ ווערנ דער הויפט-רינג, וואָס זאָל פארבינדנ די פארטיי מיט די ברייטע ארבעטער־מאסנ.

אינ די קאמפנ פונעמ ארבעטער-קלאס וואקסט דער צוטרוי צו אונדז מיצאד די שטאָטישע מיטל-שיכטנ אונ די קליינפויערשע מאסנ, וואָס דאָס פארלייכטערט אונדז דעראָבערנ די דאָזיקע מאסנ אלס די פארבינדעטע פונעמ פראָלעטאריאט פאר דער פאָלק-רעוואָליוציע.

באמ דורכפירנ אונדזער רעוואָליוציאָנערע מאסנ־פאָליטיק סטארענ מיר זיכ צו קעמפנ קעגנ דער געפאר פונ רעכט-אָפּאָרטוניסטישע פעלערנ, ווענ די כאוויירימ שלעפנ זיכ נאָכ נאָכ די מאסנ מיט זייער סטיכייִש שטייגנדיקער אומצופרידנקייט אונ דערשאצנ ניט די אָביעקטיווע פאָרהאנאָכעס פונ דער גיכער רעוואָליוציאָניזירונג פונ דער סיטואציע. פארשטייט זיכ, אז מיר קעמפנ אויכ קעגנ די „לינקע" סעקטאנטישע טענדענצנ, וואָס ווייזנ זיכ ארויס אינ דער באהויפטונג, אז די אנטוויקלונג וועט מיט זיכ אליינ אונדז ארויסטראָגנ צומ רעוואָליוציאָנערנ קריזיס, אז דער דאָזיקער קריזיס וועט פאָרקומענ גראָדליניק, אָנ שטערונגענ, אָנ אָפּהאלטנ אונ צייטווייליקע צוריקטריטנ, אז די פאשיסטישע דיקטאטור האָט שוינ פארלאָרנ יעטווידע פייִקייט צו מאנעווירנ. מיר דארפנ טאקע באווייזנ די מאסנ, אז אדאנק

דער שטײַגנדיקער ראַדיקאַליזירונג פֿון די מאַסן לאָזט דער פֿאַשיזם אײַן גאַנץ די סאַמע כיטרע מאַנעווערן, כּדי אָפּצונאַרן די מאַסן און אָפּצײַען זיי פֿון קאַמף.

מיר סטאַרען זיך דערקלערן די מאַסן, אַז פֿון דער מעכטיקײַט פֿונעם אַרבעטער־קלאַס, פֿון זײַנע קאַמפֿן איז געווענדט, מיט וואָסערע טעמפּן עס וועלן פֿאַרקירצט ווערן די היסטאָרישע טערמינען פֿון אַראָפּוואַרפֿן די פֿאַשיסטישע דיקטאַטור, אַז אונדזער אויפֿגאַבע איז צו פֿאַרוואַנדלען די פּאַרטיי אין דער אײנציקער מאַסן־פּאַרטיי פֿונעם פּראָלעטאַריאַט, וואָס באַהעפֿט אַרום זיך אַלע אַנטיפֿאַשיסטישע קרעפֿטן און פֿירט זיי צום שלאַכט. מיר געדענקען שטענדיק לענינס אויספֿיר, וואָס וועגן אים האָט ער געשריבן אין 1909 יאָר אין זײַן אַרטיקל „אָפּן וועג":

„די פּאַרטיי, וואָס וועט זיך קענען פֿאַרפֿעסטיקן פֿאַקטן אַן אויסגעהאַלטענער אַרבעט אין פֿאַרבינדונג מיט די מאַסן, די פּאַרטיי פֿונעם פֿאָרגעשריטענעם קלאַס, וואָס וועט קענען אָרגאַניזירן זײַן אַוואַנגאַרד, וואָס וועט ריכטן אירע קרעפֿטן אַזוי, אַז זי זאָל באַײַנפֿלוסן אינעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן (דה. איצט — אינעם קאָמוניסטישן, — וו. פּ.) גײַסט יעדע אַנטפּלעקונג אינעם לעבן פֿונעם פּראָלעטאַריאַט, — די דאָזיקע פּאַרטיי וועט זיגן אום יעדן פּרײַז". *

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אַלס אַוואַנגאַרד פֿונעם אַרבעטער־קלאַס שטרעבט דורכפֿירן אין לעבן לענינס דאָזיקן אויספֿיר.

2. די קפּד איז די גרעסטע באָלשעוויסטישע אומלעגאַלע מאַסן־אָרגאַניזאַציע

ס'איז נאָך אין דער געשיכטע פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג ניט געווען אַזאַ פֿאַקט, אַז אַ 300־טויזנטקעפּיקער פּאַרטיי, וואָס האָט געהאַט 35 טעגלעכע צײַטונגען און וואָס פֿאַר איר האָבן געשטימט 6 מיליאָן וויילער, האָט זיך אײַנגעגעבן איבערצופֿירן איר אָרגאַניזאַציע אַלס מאַסן־אָרגאַניזאַציע אין אַן אומלעגאַלער לאַגע. אונדזער קעגנער באַזיצט דעם גאַנצן מעלוכע־אַפּאַראַט, דעם גאַנצן מאַכט־אַפּאַראַט. אין דײַטשלאַנד האָבן מיר צו טאָן מיט אַ בורזשואַזיע, וואָס איז איינע פֿון די סאַמע אָרגאַניזירטע אין אייראָפּע, וואָס האָט אָנגעזאַמלט אַ קאָלאָסאַלע דערפֿאַרונג אין קאַמף קעגן דעם רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער־קלאַס. אָבער דער דײַטשישער אַרבעטער־קלאַס, וועלן ער איז נאָר איינציק און באַהעפֿט, באַזיצט קרעפֿטן, וואָס וועלן אַראָפּשלײַדערן אונדזער קלאַסן־סוינע. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אַלס דער אַוואַנגאַרד און פֿירער פֿונעם אַרבעטער־קלאַס איז דער פֿאַקטאָר, וואָס אַנטוויקלט די דאָזיקע קרעפֿטן אינעם פּראָלעטאַריאַט

---

* לענין, באַנד XIV, זײַט 32, צווייטע אויפֿלאַגע.

און מאכט אים פּייִק אראָפּצושליידערנ די בורזשואזיע און פּארכאפּנ די
מאכט אינ זײַנע הענט.

די בורזשואזיע, וואָס האָט געלאָזט אינ גאנג דעם גאנצנ טעראָריס-
טישנ אפּאראט, האָט גלײַכ פונ אָנהייב געבראכט דער קאָמוניסטישער פּארטיי א
שווערנ פּארלוסט. 60 טויזנט פונקציאָנערנ און געוויינלעכע פּארטיי־מיטגלי-
דער זײַנען ארעסטירט געוואָרנ, הונדערטער זײַנען פּארפּײַניקט געוואָרנ ביז
טויט, בא 2000 רעוואָליוציאָנערע ארבעטער האָבנ די פאשיסטישע באנדעס
דערמאָרדעט. אומגעפער 100 טויזנט ארבעטער געפינענ זיכ אינ די קאָנ-
צענטראציע-לאגערנ. די פרויענ און קינדער פונ די כאווײרים, וואָס זײַנענ
פּארבליבנ אינ אונטערערד און ארבעטנ, האָט מענ טיילווײַז גענומענ אלס
אָרוועסלײַט. די לעצטע טעג פארנ אזויגערופענעמ „פאָלק-פּלעביסציט”, וואָס איז
פאָרגעקומענ דעמ 12-טנ נאָיאבער, האָבנ די פאשיסטנ אינ בערלינ אליינ
דערמאָרדעט 14 ארבעטער און ארעסטירט העכער 1000. צוזאמענ מיט דער
אנטוויקלונג פונ רעוואָליוציאָנערנ אופשטײַג פרווט דער פאשיזמ צו פאר-
שטארקנ דעמ טעראָר און די פּראָוואָקאציע קעגנ דעמ קעמפנדיקנ פּראָלע-
טאריאט. אינ דעמ דאָזיקנ שווערנ קאמפ בא דער געפאר פונ צערעכענענ
זיכ מיט די אָרוועסלײַט אינ די קאָנצענטראציע־לאגערנ און אינ די טור-
מעס, בא דער געפאר פונ בעסטיאלע דערמאָרדונגענ פונ הינטער א ווינקל,
ווענ וועלכע עס האָט צו וויסנ געגעבנ דער ברוינער אָבער־הענקער גע-
רינג אפנ לײַפּציקער פּראָצעס דימיטראָווג און די אנדערע כאוויירים, רופנ מיר
דעמ אינטערנאציאָנאלנ פּראָלעטאריאט און די קאָמוניסטנ פונ אלע לענדער
צו אקטיווער קאמפּ-סאָלידאריטעט, צו אונטערשטיצנ די אומלעגאלע אר-
בעט פונ די דײַטשישע קאָמוניסטנ. דער אינטערנאציאָנאלער פּראָלעטאריאט
קאָנ זײַנ זיכער, אז די דײַטשישע קאָמוניסטנ וועלנ אויספילנ זייער רעוואָ-
ליוציאָנערנ כויוו! (אפּלאָדיסמענטנ).

ניט געקוקט אפ די מאסנ-ארעסטנ און אפ די פארפאָלגונגענ, וואָס די
פּארטיי-טוער האָבנ אויסצושטיינ פונ היטלערס דיקטאטור, איז די פּארטיי-
אָרגאניזאציע געבליבנ ניט גערירט.

אויב די צאָל מיטגלידער, פאר זיכ אליינ גענומענ, גיט נאָכ ניט אינ
דער דאָזיקער הינזיכט קיינ פולנ בילד, איז זי אָבער א גענוגנדי-
קער קריטעריי, קעדיי צו אורטיילנ אינ וואָס פאר א מאָס די אָרגאניזאציע
האָט באוויזנ זיכ צו פארהיטנ פונ דער פאשיסטישער דיקטאטור. אינ דער
צײַט, ווענ אינ יאנואר האָט די פּארטיי געציילט העכער 300 טויזנט מיט-
גלידער, איז די דאָזיקע ציפער נאָכנ אײַנשטעלנ די פאשיסטישע דיקטאטור
געפאלנ ביז 49 פּראָצ. און אינ יונ — ביז 37 פּראָצ. פונ דער פריערדיקער
צאָל. דאָס פאלנ פונ דער צאָל מיטגלידער, וואָס צאָלנ מיטגליד־אָפּצאָל,
האָט זיכ פונאנדערגעטיילט לויט די קרײַזנ זייער ניט גלײַכמעסיק. עס זײַ-
נענ געווענ קרײַזנ, ווו נאָכ אינ מײַ און יונ זײַנענ געווענ 80—90 פּראָצ.
פונ דער פריערדיקער צאָל מיטגלידער, וואָס האָבנ געצאָלט דעמ אָפּצאָל,
אינ דער צײַט, ווענ אינ אנדערע קרײַזנ האָט זיכ די צאָל מיטגלידער פאר-

קלענערט ביז 30 און 25 פראָצ. דאָס באַטײַט אָבער ניט, אז א סאך כא־
ווירים האָבנ פאראטנ דער פארטיי, דאָס דערקלערט זיך נאָר טיילווײַז מיט
די ארעסטנ און טיילווײַז מיט דעמ, וואָס עס זײַנענ איבערגעריסנ געוואָרנ
די פארבינדונגענ, וואָס עס זײַנענ ארעסטירט געוואָרנ די פארטיי־קאָמיטעטנ.
אינ אווגוסט און סענטיאבער, איידער עס האָט זיך אָנגעהויבנ די צווייטע
טעראָר־כוואליע, איז די צאָל מיטגלידער ווידער אויסגעוואָקסנ ביז 45 פראָצ.
פונעמ פריִערדיקנ באשטאנד. צוליב דעמ, וואָס עס איז אײַנגעפירט געוואָרנ
די סיסטעמ פונ זאמלענ די מיטגליד־אָפּצאָלנ אָנ מארקעס, איז שווער צו
באקומענ א פינקטלעכנ גרונט אפ אויסצורעכענענ דעמ באשטאנד מיטגלי־
דער-מאסע. מיר קאָנענ אָבער מיט דער פולער באשטימטקײַט זאָגנ, אז אינ
יעטווידנ מאָמענט פונ די פארגאנגענע צענ כאדאָשימ האָבנ מיר געהאט
אינ דער פארטיי העכער 100 טויזנט ניט בלויז אזוינע, וואָס טראָגנ ארײַנ
מיטגליד־אָפּצאָל, נאָר אויך קאָמוניסטנ, וואָס ארבעטנ אקטיוו.

שוינ מיט א לאנגער צײַט פאר היטלערס דיקטאטור האָט זיך די פאר־
טיי צוגעגרייט צו דער אונטערערד. דאָך, די ניט גענוגיקע דערפארונג,
דאָס מעכאנישע גלײַכנ זיך לויט די באדינגונגענ פונ דער אומלעגאלער
לאגע אינ 1923 יאָר, די באשטימטע לעגאליסטישע טענדענצנ אינ אָפּשאצנ
דעמ טעמפּ און מאסשטאב פונ דער אנטוויקלונג פונעמ פאשיסטישנ טעראָר
און פונ דער שאופקײַט פונ דער אומלעגאלער לאגע, וואָס האָט זיך אָנ־
געהויבנ, — אָט דאָס אלצ האָט געבראכט א באדײַטנדיקנ שאָדנ. דערצו נאָך
איז פאר די טוער פונ די אונטערשטע און מיטלסטע פארטיי־רינגענ געווענ
גאנצ שווער ארויסצודרייענ זיך פונ די פארפאָלגונגענ פונעמ קלאסנ-סוינע,
ווײַל אדאנק זייער לאנגיאָריקער לעגאלער ארבעט זײַנענ זיי אימ געווענ
גוט באוווסט. אכוצ דעמ, זײַענדיק געצוווּנגענ ווײַטער צו ארבעטנ אָדער
לויט דער פראָפעסיע, אָדער באזוכנדיק אלס ארבעטלאָזע די ארבעט־ביר־
זשע, פלעגנ זיי דאָרט ארײַנפאלנ צו זייערע פארפאָלגער אינ די הענט.
אכוצ דעמ האָט דער סאָציִאל-פאשיסטישער פאָליצײ-אפאראט פונ דער ווײ־
מארער רעפּובליק אײַנגעפירט א ברייטע קארטאָטעקע פונ די קאָמוניסטישע
אקטיוויסטנ און דערמיט גופע גרינטלעך געהאָלפנ דער פאשיסטישער דיק־
טאטור. דערצו נאָך איז ניט גענוג שנעל דורכגעפירט געוואָרנ דער איבע־
רוק פונ אונדזערע קאדרענ.

די איבערבויונג פונ דער פארטיי־אָרגאניזאציע האָט געקאָנט דורכגע־
פירט ווערנ בלויז לאנגזאמ, טראָט נאָך טראָט, און זי פלעגט באשטענדיק
איבערגעריסנ ווערנ דורך דעמ קעגנערס מאָסמיטלענ. די גאנצע פארטיי־
אָרגאניזאציע אינגאנצנ גענומענ, באמ הויכנ גראד צענטראליזאציע פונ דער
אָנפירונג און בא דער ברייטסטער פאָליטישער זעלבשטענדיקײַט פונ די אונ־
טערשטע אײנסנ, איז דעקאָנצענטרירט געוואָרנ.

די דאָזיקע איבערבוי-ארבעט ווערט אָבער פאר אונדז פארשווערקט
צוליב דעמ, וואָס מיט א קליינעמ אויסנאמ איז פונ די אלטע קרײַז־און
אונטערקרײַז־קאָמיטעטנ קימאט גאָרנישט ניט געבליבנ. זייער אָרט האָט פאר־

קומענ גאָר א נײַער קאדער פארטײ־טוער, וואָס וואקסט אויס אינ די באַדינגונגענ פונ טיפסטער אונטערערד אונ אינעמ פראָצעס פונ קאמפּ קעגנ דעמ פאשיזמ.

ביז איצט האָט מענ נאָכ ניט בײַגעקומענ אײניקע פריִערדיקע שוואַכקײַטנ פונ אונדזער ארבעט אינ די אונטערנעמונגענ. ביז איצט באמערקנ זיכ נאָכ צומאָל טענדענצנ אריבערצוטראָגנ די פארטײ־ארבעט פונ די אונטערנעמונגענ צו די קווארטאלנ לויטנ וווינ־אָרט. צוזאמענ דערמיט באמערקנ זיכ אויכ באשטימטע דערפאָלגנ אינ געביט פונ אָרגאניזירנ די ארבעט אינ די אונטערנעמונגענ. דאָס באארבעטנ די אונטערנעמונגענ פונ אויסנ, דאָס אײַנשטעלנ א פארבינדונג מיט די רעוואָליוציאָנערע סאָציאַל־דעמאָקראטישע ארבעטער, וואָס זײַנענ נאָכ פאראנ אינ דער אונטערנעמונג, די פארבינדונג פונ די גאסנ־אָרגאניזאציעס מיט דער אונטערנעמונג — דאָס אלצ האָט געשטעלט פאר אונדז א רײ אויפגאבנ, וואָס מיר פרווונ לײזנ מיט נײַע מעטאָדנ.

אינ רעזולטאט פונ דעמ, וואָס מע האָט אָפּגעזאָגט פונ דער ארבעט אונ ארעסטירט אלע ארבעטער, וואָס זײַנענ פארדעכטיק אינ מארקסיזמ, זײַנענ אונדזערע זאוואָדישע קעמערלעכ דערפירט געוואָרנ ביז אײנ דריטל פונ זײער באשטאנד וואָס אינ יאנואר 1933 יאָר. נאָר אויב אינ יונ זײַנענ, למשל, אינ בערלינ פארבליבנ בא אונדז סאכאקל 12 פראָדוקציר־קעמערלעכ, האָבנ מיר שוינ אינ אָקטיאבער געהאט 84 אונ איצט, אינ נאָיאַבער, איז זײער צאָל אויסגעוואָקסנ ביז 140 (אפּלאָדיסמענטנ). אינ בערלינ, לײַפּציק, האמבורג אונ אינ רורער געגנט זײַנענ שוינ פאראנ זײער א סאכ פראָדוקציר־קעמערלעכ, וואָס באשטײענ אינ זײער מערהײַט פונ געוועזענע סאָציאַל־דעמאָקראטישע ארבעטער. אינ די אונטערנעמונגענ האָבנ מיר דערגרײכט קענטיקע דערפאָלגנ אינ שאפנ צעכקעמערלעכ אונ פארט־גרופּעס. שוינ פונ אווגוסט אָנ ווערנ פארצײכנט ערנסטע אָרגאניזאציאָנעלע דערגרײכונגענ אינ פראט פונ ארײַנדרינגענ פונ דער פארטײ אינ די אונטערנעמונגענ. אומגעפער אינ א העלפט אונטערנעמונגענ, ווו עס זײַנענ בא אונדז פריִער געווענ פראָדוקציר־קעמערלעכ, האָט זיכ אונדז אײַנגעגעבנ ווײניקסטנס ווידער אופשטעלנ די פארבינדונגענ.

מיר האָבנ געהאט אנ ערנסטנ שאָדנ אויכ דערפונ, וואָס אונדזערע כאווײרימ האָבנ ניט שטענדיק געקענט פעסט אָפּהיטנ די קאָנספּיראציע־קלאָלימ, וואָס זײַנענ נײטיק אינ אומלעגאלע באדינגונגענ.

די פארטײ ווענדט באזונדערס די אויפמערקזאמקײַט אפּ דעמ, אז זי זאָל זיכ פארהיטנ פונ שפּיאָנענ אונ פּראָוואָקאטערס. די צאָל פאלנ פונ פּראָוואָקאציע אונ שפּיאָנאזש איז פאר די 10 כאדאָשימ פאשיסטישע דיקטאטור געווענ פארהעלטנישמעסיק ניט קײנ גרויסע. מיר קאָנענ אָנווײַזנ בלויז אפּ חײניקע, עמעס, אויסערסט ערנסטע פאלנ, ווענ געוועזענע טוער פונ דער קרײַז־אָנפירונג האָבנ פארגעלײגט זײער דינסט דער פּאָליטישער פּאָליצײ אפּ פארפאָלגנ די קאָמוניסטנ אונ פעסטשטעלנ זײער פערזענלעכקײַט.

איכ וועל דאָ אָנווײַזן אפ דעמ געוועזענעמ קרײַז-סעקרעטאר פונ מיזרעכ־
פרײַסנ ווערנער קראוס אונ אפ איינ אינסטרוקטער מיטנ נאָמענ גראָביס,
וואָס האָבנ אויסגענוצט זייערע באקאנטשאפטנ צווישנ די קאָמוניסטנ אונ
האָבנ געבראכט דער פארטיי א שווערנ פארלוסט. איינער פונ די אָנפירער
פונ אונדזער ארבעט צווישנ די פויערימ — כ׳ ערנסט פוטצ — האָט געמוזט
באצאָלנ מיט זײַנ לעבנ פאר דער נידערטרעכטיקײַט פונ די דאָזיקע צוויי
אויסוווּרפנ. זעלבסטפארשטענדלעכ, אז די פארטיי האָט געפרווט גלײַכ
געבנ צו וויסנ אלע פארטיי־אָרגאניזאציעס וועגנ אלע פאלנ פונ פראָ־
וואָקאציע אונ בא יעדנ ארעסט צווישנ די אָנפירנדיקע פארטיי-קאדרענ
טייקעפ איבערשטעלנ די קרעפטנ אינ דעמ אנטשפרעכיקנ טייל אָרגא-
ניזאציע.

די פאָליציי האָט געפרווט אויסנוצנ די ארבעטער, וואָס זײַנענ בא־
פרײַט געוואָרנ פונ די טורמעס אונ קאָנצענטראציע־לאגערנ, אלס פראָוואָ־
קאטערס אונ שפיאָנענ אינ די פארטיי-אָרגאניזאציעס. מיר קאָנענ מיט
שטאָלצ זאָגנ, אז אדאנק דער פעסטקײַט ניט בלויז פונ די פארטיי־מיט-
גלידער, נאָר אויכ פונ אלע אנטיפאשיסטישע ארבעטער אינ די קאָנצענט-
ראציע-לאגערנ זײַנענ די דאָזיקע פרווונ פונ דעמ קלאסנ־סוינע מיט זעל־
טענע אויסנאמענ געבליבנ אָנ רעזולטאטנ. דאָכ האָט די פארטיי באשטימט
ניט צולאָזנ אפ דער נאָענטסטער צײַט צו דער פארטיי־ארבעט די כאווײרימ,
וואָס זײַנענ באפרײַט געוואָרנ פונ די קאָנצענטראציע-לאגערנ אונ פונ די
טורמעס.

די פראגע וועגנ פארטייישנ אומבײַט, וועגנ צוגרייטנ קאדרענ איז איינע
פונ די סאמע ערנסטע פראָבלעמעס, נעמענדיק אינ אכט די קאָלאָסאלע
פארלוסטנ אינעמ באשטאנד פונ אונדזערע קאדרעווע טוער. עמעס, ביז
איצט פלעגט זיכ אונדז נאָכ אײַנגעבנ צו פארפולנ די דאָזיקע בלויזנ, אָבער
דעמ מאנגל אינ צוגעגרייטע פארטיי-טוער פילנ מיר זייער שארפ. דאָס
לערנענ די נײַ-ווערבירטע קרעפטנ אינ דער פארטיי, דאָס צוגרייטנ זיי
צו פארנעמענ פאראנטוואָרטלעכע אָנפירנדיקע פאָסטנס איז נאָכ אויסערגע־
וויינלעכ שוואכ אוועקגעשטעלט, האגאמ מיר האָבנ שוינ אָרגאניזירט א ריי
פארטיי-שולנ. מיר קאָנסטאטירנ, אז פונ די קאָמיוגישע רייענ האָט די
פארטיי באקומענ א באדײַטנדיקע צאָל ווערטפולע טוער אונ אז אויכ די
פרויענ-פארטייערנס, וואָס זייערע מענער זײַנענ געווענ ארעסטירט, האָבנ
זיכ העלדיש געשטעלט אפ זייער אָרט.

האלטנדיק אינ אויג די שוואכקײַטנ אונ פעלערנ, וואָס מע האָט דער־
לאָזנ אינ אונדזער פארטיי־ארבעט פאר די צענ כאדאָשימ פאשיסטישע
דיקטאטור, — דערבײַ געהערט די מערהײַט פונ זיי צו די פעלערנ פונעמ
לעגאלנ פעריאָד אינ אונדזער טעטיקײַט, — וואָס אפ בײַקומענ זיי אר־
בעטנ מיר מיט דער גאנצער פעסטקײַט, וועט די פארטיי אופהייבנ איר
אומלעגאלע ארבעט אפ אזא הייכ, וואָס וועט איר געבנ א מעגלעכקײַט צו
צעקלאפנ דעמ קלאסנ-פײַנט.

3. די גענעראלע ליניע פונ דער פארטיי אונ די פראגע וועגנ די טיילוויַיזע פאָדערונגענ

די צענטראלע לאָזונגענ פונ דער פארטיי פארנ גאנצנ פעריאָד פונ דער פאשיסטישער דיקטאטור זיַינענ פאָרמולירט אינעם „אָפענעמ בריוו צו די סאָציאַל־דעמאָקראטישע ארבעטער". דאָרט ווערט געזאָגט: „ארבעטער פונ דיַיטשלאנד, פאראייניקט זיכ!", „שטרעקט אויס איינער דעמ אנדערנ ברידערלעכ די האנט פארנ דרייסטנ, מוטיקנ קאמפ!", „דורכ דער רעוואָליוציאָנערער איינהיַיט צומ אראָפּווארפנ די פאשיסטישע דיקטאטור!", „קיינ צוריקער צו ווייִמאר וועט קיינמאָל ניט זיַינ!", „פאָרויס, צו דער ארבעטער־ אונ פויערימ־רעפובליק!".

די סאָציאַל־דעמאָקראטיע, פארקערט, פרוווט מיט איר לאָזונג פונ קאמפ פאר א דעמאָקראטישנ סאָציאַליזמ, מיט איר פאלש־ראדיקאלנ לאָזונג וועגנ דער אזויגערופענער „דערציִערישער דיקטאטור" אָפּהאלטנ די מאסנ פונ רעוואָליוציאָנערנ קאמפ. אלס ענטפער דערויפ דערקלערנ מיר, אז בלויז דער מאסנ־שטריַיק, דער אלגעמיינער שטריַיק פונ די ארבעטער אינ בונד מיט די ארבעטנדיקע מאסנ פונ שטאָט אונ דאָרפ, אז בלויז דאָס אראָפּווארפנ אפ א באוואָפנטנ אויפנ די בלוטיקע פאשיסטישע דיקטאטור קאָנענ באפריַיענ דעמ ארבעטער־קלאס אונ דאָס גאנצע ארבעטנדיקע פאָלק פונ דער סאָציאַלער שקלאפעריַי.

אונדזערע לאָזונגענ פונ נאציאָנאלער באפריַיונג זיַינענ:

„אראָפּ מיט היטלערס רעגירונג, די רעגירונג פונ אויסלענדישער קאָנטריבוציע, פונ „אויספילונג־פאָליטיק" * אונ ווערסאלער פארשקלאפונג!", „אראָפּ מיט די פאשיסטישע מילכאָמע־אונטערצינדער, וואָס ווילנ פירנ דאָס ארבעטנדיקע פאָלק צו דער אימפעריאַליסטישער מאסנ בלוטבאָד אונ קעגנ ססר!", „ארבעטער פונ דיַיטשלאנד, באשיצט אונדזער פראָלעטארישנ פאָטערלאנד!", „שטריַיקט קעגנ דעמ מילכאָמע־שיידימטאנצ אינעמ אייגענעמ לאנד אונ קעגנ דער מילכאָמע־צוגרייטונג פונ די אימפעריאַליסטנ פונ דער גאנצער וועלט!", „פראָלעטארישנ אינטערנאציאָנאליזמ קעגנ דער שאָוויניסטישער העצע!", „דער קאָמוניזמ, די ארבעטער־פויערימ־רעפובליק וועלנ צעריַיסנ די ווערסאלער קייטנ".

דאָס אָרגאניזירנ אונ אָנפירנ מיט די עקאָנאָמישע אונ פאָליטישע טייל־וויַיזע שלאכטנ, אינ דער ערשטער ריי מיט די שטריַיקנ, פאר די טאָג־טעגלעכע אונ טיילוויַיזע נויטנ פונ די ארבעטער אונ ארבעטנדיקע מאסנ — זיַינענ דערביַי א רינג אפ צופירנ די מאסנ צו גרויסע קלאסנ־שלאכטנ. מיר וואָרענענ אונדזערע כאוויירימ קאָמוניסטנ אונ מיטגלידער פונ די רעוואָליוציאָנערע פראָפאריינענ קעגנ שאבלאָנ באמ ארויסרוקנ די טאָגטעגלעכע קאמפ־לאָזונגענ. מיר העלפנ זיי אויסלעבנ דעמ שיִעכשנ מעטאָד פונ

---

* „ערפילונגס־פאָליטיק" — די פאָליטיק פונ אויספילנ דעמ ווערסאלער אָפּמאכ.

פּראָקלאַמירן אַלגעמיינע שטרייקן און קאַמף-לאָזונגען, ניט דיסקאָנטירנדיק די קאָנקרעטע באַדינגונגען. אין אונדזערע דירעקטיוון לייגן מיר זיי פאָר זאָרגזאַם צו דערלערנען די סיבעס פון דער שטייגנדיקער אומצופרידנקייט פון די מאַסן אין די אונטערנעמונגען, אין דן ארבעט-בירזשעס, אין די ארבעטספליכט-לאַגערן, אין די אוניפיצירטע פּראָפאַריינען, אין די אָרגאַני-זאַציעס פון די מיטלשיכטן שטאָטישע באַפעלקערונג, אין דאָרף און, קלאָר מאַכנדיק די דאָזיקע סיבעס, ארויסרוקן קאָנקרעטע קאַמף-לאָזונגען, אָרגאַ-ניזירן דעם קאַמף פאַר פאַרווירקלעכן זיי, שאַפן די אַנטשפּרעכיקע קאַמף-אָרגאַנען און אומעטום שטייגן אין שפּיץ פונעם דאָזיקן קאַמף, קעדיי אויף-הייבן די מאַסן-באַוועגונג אויף א העכערער שטופע צום קאַמף פאַר אראָפּ-וואַרפן דעם פאַשיזם און פאַרן ניצאָכן פון דער ראַטנמאַכט.

קעדיי צו געבן די כאַוויירים א פאָרשטעלונג, אויף וואָס פאַר אַן אויפן מיר פרווון מאָביליזירן די מאַסן אויף די פאַרשיידענע קאַמף-באַצירקן, ווילן איך זיי באַקענען כאָטש טיילווייז מיט די דאָזיקע טאָגטעגלעכע און טיילווייזע פאָדערונגען.

אין די אונטערנעמונגען און אין די אוניפיצירטע פּראָפאַריינען האָבן מיר געפאָדערט: קאַמף קעגן אראָפּזעצן דעם אַר-בעטלוין אין יעטווידער פאָרם, קעגן פאַרבייטן די טאַריף-אָפּמאַכן מיטן גע-צאָלט לויט דער פּראָדוקטיוויקייט, קעגן איינהיטן און פאַרגרעסערן דעם איינ-רייס אינעם ארבעטלוין, קעגן פאַרקירצן די ארבעטצייט מיט אַן אַנטשפּרע-כיקן שניידן דעם ארבעטלוין, קעגן צוואַנג-נעדאָוועס און קעגן דער דראָונג ווידער אָפּזאָגן פון דער ארבעט. די דאָזיקע פאָדערונגען האָט מען פאַרבונדן מיטן קאַמף פאַרן רעכט פון קאָאַליציעס און פאַרזאַמלונגען, פאַר פרייע וואַלן פון די פאַבזאַווקאָמען און קאָנטראָליאָרן אין די שאַכטעס, קעגן צוואַנג-אָנטייל אין די דעמאָנסטראַציעס פון נ.ס.ז.אָ (NSBO), קעגן מי-ליטאַריזירן די אונטערנעמונגען, קעגן די אוניפיצירטע פּראָפאַריינען, קעגן דעם טעראָר, פאַר קאָנען זיך שאַפן זעלבשטענדיק איבער די מיטגליד-אָפּצאָלן, פאַר קאָלעקטיוו אָפּזאָגן זיך אריינצוטראָגן מיטגליד-אָפּצאָלן אין די פאַשיסטישע פאַריינען און פאַר איבערגעבן די דאָזיקע אָפּצאָלן אין רעשוס פון די שטרייק-קאַסעס, וואָס ווערן פאַרוואַלטעט פון די ארבעטער. באַם דורכפירן די דאָזיקע פאָדערונגען האָט די אָפּאָזיציע אינווייניק אינעם „ארבעט-פראָנט“ אָנגעווענדט אַלע פאָרמען פון ווידערשטאַנד און אָנגריפן, נעמלעך: דאָס דורכפירן אָן א פאָרויסיקער מעלדונג פאַרזאַמלונגען און דיסקוסיעס, וואַלן פון קאָמיסיעס אויף פירן אונטערהאַנדלונגען און דער מעטאָד פון „פאַסיוון ווידערשטאַנד“ ביז צו א שטרייק.

דעם קאַמף פאַר די פאָדערונגען פון די ארבעטלאָזע האָבן מיר פאַר-בונדן מיטן קאַמף קעגן דער פאַשיסטישער אָפּנאַרעריי מיט דער „ווינטער-הילף“, וואָס העלפט בלויז די אונטערנעמער באַרויבן די זאַוואָד-ארבעטער און די ארבעטנדיקע מיטלשיכטן פון דער באַפעלקערונג. דערביי האָבן מיר אין פאָדערגרונט ארויסגערוקט דעם קאַמף קעגן דער ארבעט-פליכט,

קעגנ אראָפּזעצנ די שטיצע, קעגנ דער ניטבאַצאָלטער לאַנדװירטשאַפטלעכער ארבעט, קעגנ דעמ אױיגערופענעמ „פּאַרװאַנדלענ די שטיצע אינ ארבעט-לױנ". אונטערנ לאָזונג „פאַר די הונגערנדיקע אונ פרירנדיקע" האָבנ מיר גערופנ אַלע ארבעטנדיקע, װאָס לײַדנ נױט: „עפנט די טירנ פונ די דערנערונג-סקלאַדנ, פונ די קאַרטאָפל-קעלערס, פונ די סכױרע-װאַגאָנעס אונ פונ די קױלנ-סקלאַדנ!"

אפ מאָביליזירנ די ארבעטנדיקע פונ דער דאָרפישער באַפעלקערונג האָבנ מיר ארױסגערוקט פאָלגנדיקע קאַמפ-לאָזונגענ: „צאָלט ניט קײנ גראָשנ צינז, שטײַערנ אונ פּראָצענטנ!", „אָרגאַניזירט מאַסנ-דעמאָנסטראַציעס צו די ראַטהײַזער אונ צו די פינאַנצ-פאַרװאַלטונגענ!", „אָרגאַניזירט א מאַסנ-װידערשטאַנד קעגנ ארופליגנ אנ ארעסט אפנ פאַרמעגנ!", „קעמפט פאַר פאַרכאַפּנ די ערדנ פונ די גרױסע גוטבאַזיצער!", „באַקומט פאַר זיכ באַמיסטיקונג פונ די גרױסע מאַיאָנטקעס!", „טרײַבט ארױס אײַער פי אפ די פאַשע-פעלדער פונ די גרױסע מאַיאָנטקעס!". מיר האָבנ אױכ גענעבנ א רײ קאָנקרעטע לאָזונגענ פאַר די מיטלשיכטנ, פאַר די באַאַמטע אונ אָנגעשטעלטע: „קײנ פעניג שטײַערנ דער פאַשיסטישער רעגירונג!", „אינ מאַסנ-ארױסטרעטונגענ צוזאַמענ מיט די ארבעטער אָרגאַניזירט דעמ שוץ קעגנ דער געריכט-אױספילונג!", „די פאַשיסטישע צװאַנג-נעדאָװעס באַרױבנ אײַער געלט אפ צוגרײטנ די מילכאָמע-פּלענער פונ די טיסענס אונ קרופּס!", „אָרגאַניזירט צוזאַמענ מיט די ארבעטער א קאָלעקטיװנ אָפּזאָג ארײַנצוטראָגנ די דאָזיקע אָפּצאָלנ!", „זאָגט זיכ אָפּ פונ צאָלנ דירעגעלט אונ פאַר עלעקטרע!"

די ארבעטנדיקע יוגנט אינ די ארבעטפליכט-לאַגערנ האָבנ מיר גערופנ צו קעמפנ פאַר פאַרבעסערנ די דערנערונג, פאַר װאַרעמע קלײדער, פאַר אורלױב, אײַנהײטנדיק דעמ געהאַלט, פאַר א פולנ געצאָלט לױטנ טאַריפ אונ קעגנ דער מיליטערישער מושטרירונג; מיר האָבנ זי גערופנ צו שטרײַקנ ביז צו פאַנאַנדערלאָזנ דעמ לאַגער אונ אריבערפירנ זײ אינ די אונטערנעמונגענ. מיר האָבנ זײ אָנגעװיזנ, אז אפנ געצװוּנגענעמ ארבעטפליכט-פּריזיװ דאַרפ מענ קעגנ דער מיליטאַריזירונג ענטפערנ מיט דעמאָנסטראַציעס אינ די ארבעטער-קװאַרטאַלנ, אפ די װאָקזאַלנ, אפ די דאָרפישע גאַסנ. די שילער אינ די אונטערנעמונגענ האָבנ מיר מאָביליזירט צומ קאַמפ קעגנ דעמ מיליטאַריזירטנ ספּאָרט, פאַר געבנ פולער געלט-קאָמפּענסאַציע פאַר די אָפּגעניצטע קלײדער אונ פאַר די רײַזע-קאָסטנ.

די ארבעטערנס אונ ארבעטנדיקע פרױענ האָבנ מיר געזאָגט, אז זײ דאַרפנ דעמאָנסטרירנ צוזאַמענ מיט די קלײנע הענדלער אונ האַנטװערקער אינ די מאַגאַזינענ, אפ די מערק, אפ די פלעצער קעגנ דעמ יאַקרעס, קעגנ דער טאַמאָזשניע-רױבערײַ אונ דער פרײַז-אופשרױפונג, אז זײ דאַרפנ אינ די גרױסע מאַגאַזינענ נעמענ קלײדער אונ שיכ פאַר זײערע קינדער, אז זײ דאַרפנ אינ געמײנזאַמע דעמאָנסטראַציעס פאַר די טױערנ פונ די טורמעס, ארעסט-הײַזער בא די קאַזאַרמעס פונ די שטורמאָטרעדעס אונ קאָנצענטראַציע-לאַגערנ פאָדערנ באַפרײַענ זײערע מענער אונ זינ.

איכ האָב געבראכט בקיצור א קלייניקנ אויסצוג פונ די טיילווייזע פאָדערונגענ, וואָס מיר האָבנ ארויסגערוקט אפ די פארשיידענע באצירקנ פונעם קאמפ פונ די ארבעטער, פאָדערונגענ, וואָס ווערנ אינ יעדער אונטערנעמונג, אפ די ארבעט-בירזשעס, אינ די ארבעטספליכט־לאגערנ נאָכ דערגאנצט מיט קאָנקרעטע פאָדערונגענ, וואָס זײַנענ דירעקט פארבונדנ מיט די העטלעכע פּראָנדקעס, וואָס הערשנ אינ די לאגערנ.

איכ וויל ניט מיטנ אויסרעכענענ די דאָזיקע לאָזונגענ אונ קאמפּפאָדערונגענ שאפנ דעמ אײַנדרוק, אז זיי אלע ווערנ ריכטיק אָנגעווענדט אינ דער פּראקטיק, אָבער די פּארטיי־אָנפירונג מאכט אלע אָנשטרענגונגענ, קעדיי די פּארטיי אינגאנצנ געמומענ זאָל נעמענ אנ אײַנשטעלונג אפ אופהייבנ דעמ ארבעטער־קאמפ אפ א העכערער שטופע.

זייער א גרויסע באדײַטונג גיבנ מיר צו דעמ שאפנ פּראָלעטארישע קאמפ-אָרגאנענ, וואָס אנטשפּרעכנ דעמ אינהאלט פונ דער באוועגונג אונ דעמ גראד רײַפקײַט אירער, וואָס האָבנ א גרויסע באדײַטונג אינ די באדינגונגענ פונ אומלעגאלקײַט. אויכ דאָ סטארענ מיר זיכ אויסמײַדנ יעטוויידע שאבלאָנישקײַט, אונ מיר זאָרגנ וועגנ דעמ, אז די דאָזיקע אָרגאנענ זאָלנ אויסוואקסנ דירעקט פונ די עקזיסטירנדיקע באזונדערע באדינגונגענ. צוזאמענ מיט דעמ, וואָס די ארבעטער אליינ וויילנ אויס אומאָפּהענגיקע אומלעגאלע שטרײַק־קאָמיטעטנ, צוזאמענ מיטנ אויסוויילנ באפולמעכטיקטע זײַנענ נאָכ פאראנ אקאָרד־קאָמיסיעס, טאריפ־קאָמיסיעס, קאָמיסיעס פאר ארבעטלוינ, קאָמיטעטנ פונ די זאוהאָדישע קראנקנ־קאסעס. מיר זאָרגנ קוידעמקאָל וועגנ שאפנ גוטע מוסטערנ פונ קאמפ-אָרגאנענ, אפ אָרגאניזירנ דעמ קאמפ, וואָס דארפנ אלעמענ דינענ פאר א בײַשפּיל. מיר קאָנצענטרירנ אונדזער פּראָדוציר־ארבעט קוידעמקאָל אינ די גרויסע אונטערנעמונגענ. א באזונדערס שווערע אופגאבע איז פאר אונדז דאָס שאפנ די קאמפ־אָרגאנענ פונ די ארבעטלאָזע. אפנ דאָזיקנ באצירק זײַנענ מיר נאָכ ווײַט אָפּגעשטאנענ אונ דעמ שווערפּונקט אינ דער דאָזיקער היינטיקער טראָגנ מיר אריבער אפ אוועקשטעלנ א ווירקלעכ אָרגאניזירטע ארבעט צווישנ די ארבעטלאָזע.

4. שאפנ אומאָפּהענגיקע קלאסעווע פּראָפאריינענ

כאָטש די פּארטיי האָט שוינ אויכ אנערקענט, אז דאָס שאפנ אומאָפּהענגיקע קלאסעווע פּראָפאריינענ איז אנ אָבליגאטאָרישע פּאָרהאנאָכע אפ פארווירקלעכנ אירע רעוואָליוציאָנערע אופגאבנ, שטייענ מיר דאָכ נאָכ באדײַטנדיק אָפּ אינ דער דאָזיקער הינזיכט. דאָס דערקלערט זיכ הויפּטזאכלעכ דערמיט, וואָס אונדזער פּראָפאריינישע מאסעווע ארבעט האָט נאָכ אינעמ לעגאלנ פעריאָד ארויסגעוויזנ זייער גרויסע שוואכקײַטנ אונ אז נאָכ דעמ, ווי די פאשיסטנ האָבנ אײַנגעפירט די „אוניפיקאציע" פונ די פּראָפאריינענ, האָבנ אונדזערע לאָזונגענ געטראָגנ דעמ שטעמפּל פונ א געוויסער ניטזיכערקײַט. מיר פּרוּווּנ איצט מיט דער הילפ פונ דער שטרײַק-באוועגונג אונ

פון פארשטארקן אונדזער פראָפאריינישע מאסן־ארבעט צו שאפן די פּאָרהאַנאָכעס אַף אָרגאַניזירן אומאָפּהענגיקע קלאסעווע פראָפאריינען. אין דער רעזאָליוציע פונעם צק פון אונדזער פארטיי איבער דער פראָפאריינישער פראגע (אווגוסט 1933 יאָר) זײַנען פאר דער פארטיי געשטעלט געוואָרן די אנטשפּרעכיקע אופגאבן, און דער קאָמוניסטישער פראקציע אין דער רפּאָ איז געוועזן באופטראָגט אויסצוארבעטן א פּאָליטישן און אָרגאַניזאַציאָנעלן פלאן פון שאפן וואָס שנעלער אומאָפּהענגיקע קלאסעווע פראָפאריינען.

אונדזער קאמפּ אין די אוניפיצירטע פראָפאריינען, אין דעם „דײַטשישן ארבעט־פראָנט“ און אין דער פאשיסטישער פּאָליציישער און שפּיאָנישער אָרגאַניזאַציע נ.ס.ז.אָ. ווערט פאָרגעזעצט, און ער דארף ברענגען דערצו, אז די בעסטע ארבעטער־עלעמענטן פון די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס וועלן צוגעצויגן ווערן צו שאפן אומאָפּהענגיקע קלאסעווע פראָפאריינען. אונדזער פארטיי איז אנטשיידן ארויסגעטראָטן קעגן די פרווון פון אייניקע „לינקע“ סאָציאַל־דעמאָקראטן בא דער אונטערשטיצונג פון דער אמסטערדאמער פראָפאריינישער ביוראָקראטיע קעגנצושטעלן קעגן אונדזער באוועגונג פאר שאפן אומאָפּהענגיקע קלאסעווע פראָפאריינען דאָס שאפן די אזויגערופענע „אומאָפּהענגיקע פראָפאריינען“ אונטער דער סאָציאַל־דעמאָקראטישער אָנפירונג, וואָס אין טאָך האָט דאָס דעם ציל אײַנצוהיטן די שפּאַלטונג אינעם ארבעטער־קלאס. מיר שטעלן פאר זיך אלס וויכטיקסטע אופגאבע דאָס צוציִען די ברייטע מאסן סאָציאַל־דעמאָקראטישע ארבעטער און די געוועזענע מיטגלידער און פונקציאָנערן פון א.ד.ג.ב. צו שאפן ווירקלעכע אומאָפּהענגיקע קלאסעווע פראָפאריינען.

5. קאמפּ פאר דער יוגנט

איינע פון אונדזערע סאמע ערשטע אופגאבן אינעם קאמפּ קעגן דער פאשיסטישער דיקטאטור באשטייט אין אויסקעמפן די ארבעטנדיקע יוגנט באם פאשיזם און ברענגען זי אין אונדזער לאגער. די ווירקונג פון דער פאשיסטישער דעמאגאָגיע אַף די מאסן ארבעטנדיקע יוגנט, וואָס ווערט נאָך פארשטארקט מיט דער דערציִונג אין די שולן פונעם פאשיסטישן דײַטשלאנד, שטעלט פאר אונדז באזונדערע שוועריקייטן. אָבער אדאנק דער ארבעט פון אונדזער קאָמיוג קאָנען מיר שוין פארצייכענען א ריי ערשטע, אינטערעסטע וויכטיקע דערפאָלגן אינעם דאָזיקן געביט. אין די ארבעטספּליכט־לאגערן זײַנען בלויז פאר די לעצטע עטלעכע וואָכן געווען הונדערטער פאלן פון ברעכן די דיסציפּלין — אפילו שטרײַקן. אונדז האָט זיך אויך אײַנגעגעבן אין א ריי ערטער צו דעראָבערן אינגאנצן גרופּעס סאָציאַל־דעמאָקראטישע יוגנט פאר די רייען פון אונדזער קאָמיוג. אונדז האָט זיך אײַנגעגעבן צו שיקן פון דײַטשלאנד אפן פארייזשער אלוועלטלעכן יוגנט־קאָנגרעס א דעלעגאציע אין באשטאנד פון 24 יוגנט־פאָרשטייער פון אלע פּאָליטישע ריכטונגען. אָבער מיר דארפן אנערקענען, אז די דאָזיקע דערגרייכונגען פון קאָמיוג זײַנען אָפטמאָל א רעזולטאט פון דער איניציאַטיוו

בלויז פון די קאָמיוגיסטן אליין. דעריבער שטייט פאר דער פארטיי נאָך מער די אויפגאבע צו פארשטארקן די פּאָליטישע אָנפירונג מיטן קאָמיוג, מיט זיין מאסן-ארבעט און געבן אים כאווערישע הילף.

6. די פאָרמען און מעטאָדן פון אונדזער אגיטאציע און אונדזער אומלעגאלע פרעסע

בא די שוואכקייטן פון אונדזערע קאדרען אין רעזולטאט פונעם הערשנדיקן טעראָר, בא די שוועריקייטן פון דער מינדלעכער און שריפטלעכער אינפאָרמאציע פון דער פארטיי און פון די מאסן דורך איר פארמיטלונג באקומט א באזונדערע באדייטונג די אומלעגאלע פרעסע פון דער פארטיי און פון די מאסן-אָרגאניזאציעס. אין פארלויף פון די ערשטע פינף כאדאָשים פון דער פאשיסטישער דיקטאטור האָבן אונדזערע אונטערשטע פארטיי-אָרגאניזאציעס און די קרייז-קאָמיטעטן ארויסגעגעבן העכער 1000 פארשיידענע אָרטיקע און קרייזישע צייטונגען אין 2 מיליאָן עקזעמפּליארן.

אויב מיר קאָנען נאָך אפילע ניט האלטן פאר צופרידנשטעליק דעם אינהאלט, אויב עס ווייזט זיך ארויס א גרויסע שוואכקייט באזונדערס אין דער איינשטעלונג פון דער פרעסע אף ארבעטן אין די אונטערנעמונגען, אף באדינען די אָרטיקע אינטערעסן פון די ארבעטער און אף פאָרמולירן זייערע לאָזונגען, אויב זי פארעפנטלעכט בלויז זייער א באגרענעצטע צאָל בריוו פון די ארבעטער-קאָרעספּאָנדענטן, שטייט זי דאָך הייַנט נעענטער צו די מאסן, איידער ווען-עס-איז פריער, און רעדט ווירקלעך אף דער שפראך פון די ארבעטער.

אין געביט פון פּאָפּוליאריזירן אונדזערע לאָזונגען קעגן דער פאשיסטישער דיקטאטור האָט א קאָלאָסאלע באדייטונג די אומגעריכטע גרויסע איניציאַטיוו, וואָס עס ווייזן ארויס די אונטערשטע פארטיי-אָרגאניזאציעס אין אָנווענדן און געפינען נייע פאָרמען און מעטאָדן. מיר האָבן אין אונדזער רעשוס בייַשפּילן, וואָס באווייזן, וואָסערע אויסערגעוויינלעכע אגיטאציאָנעלע דערגרייכונגען קאָן מען זיך דערשלאָגן בא רעוואָליוציאָנערער איניציאַטיוו, בא רעוואָליוציאָנערער דרייסטקייט. איך וועל זיך באגרענעצן בלויז מיט איין בייַשפּיל. לעבן איינער פון די גרויסע שטעט אין דאָרעם-דייַטשלאנד איז איבער א בארג-טייַך, וואָס האלט 50 מעטער די ברייט, אייַנגעשטעלט געוואָרן אן עלעקטראָלייטונג פון א הויכער שפּאנונג.

אָנווענדנדיק זייער א קונציקן טעכנישן מעטאָד, האָבן אונדזערע כאוויירים צו דער דאָזיקער עלעקטראָלייטונג צוגעפעסטיקט א קאָלאָסאלן טראנספּאראנט מיט אונדזערע רעוואָליוציאָנערע קאמפּ-לאָזונגען. דער מאכט האָט זיך ניט איינגעגעבן אראָפּנעמען דעם דאָזיקן טראנספּאראנט, ווייל מע האָט ניט געקאָנט אויסשליסן דעם שטראָם. ענדלעך, אין דריי טעג ארום, ווען מע האָט געמאכט א פּרווו אראָפּצונעמען דעם טראנספּאראנט, איז צעריסן געוואָרן דער קאבעל, וואָס אדאנק דעם איז פאָרגעקומען א קורצ־

שלוס אונ איז אָפּגעשטעלט געוואָרנ דער עלעקטרישער אײַזנבאנ־מארקער. די גאנצע געגנט האָט גערעדט וועגנ דער דאָזיקער דרייסטער ארויסטרעטונג פונ אונדזערע אגיטאטערס, אונ די דאָזיקע פאסירונג האָט צו אונדז געבראכט א סאכ ארבעטער.

די זעלבע איניציאטיוו ווײַזנ ארויס אונדזערע כאווײרים באמ צוגרייטנ אונדזער אגיטאציע־מאטעריאל, דערבײַ דערפינדנ זײ די גאנצע צײַט אלצ נײַע מעטאָדנ. צוטרעטנדיק צו דער ארבעט, געפינענ די ארבעטער אפ זײערע ווערקשטעלנ קאָמוניסטישע בלעטלעכ, דערבײַ קאָנ מענ אפילע בא דער שטרענגסטער אופזיכט ניט פעסטשטעלנ, ווער עס האָט אהינ אוועקגעלייגט. אונדזערע בלעטלעכ פליענ ארײַנ אינ די אָפענע פענצטער פונ די ארבעטער־דירעס, מע קאָנ זײ געפינענ אינ די קערב פונ די הענדלער, וואָס קומענ אפנ מארק; אפ די בײדלעכ פונ די פאפיראָסנ־שאכטלעכ, וואָס ווערנ ארײַנגעלייגט אפ רעקלאמירנ די פאפיראָסנ־פאבריקנ, זײַנענ אָנגעשריבנ אונדזערע לאָזונגענ. איינ צײַט פלעגט מענ פונ די דעכער פונ די אוניווערסאלע מאגאזינענ אינ די גרויסע שטעט פאנאנדערוואָרפנ בלעטלעכ, דערבײַ האָט זיכ דער געהיים־פאָליציי, וואָס מע האָט טייקעפ ארויסגערופנ, ניט אײַנגעגעבנ פעסטצושטעלנ די פערזאָנענ, וואָס האָבנ זײ פאנאנדערגעוואָרפנ. די ארבעטער האָבנ אײַנגעשטעלט אפנ ברעג דאכ פונ א מאגאזינ אנ אזויגערופענע הוידלקע: אפ איינ עק ברעט האָט מענ אוועקגעלייגט א פעקל בלעטלעכ, אונ אפנ צווייטנ האָט מענ אוועקגעשטעלט אנ עמער מיט וואסער, אינ וועמענס דעק עס איז געווענ אויסגעבויערט א לעכל. דאָס וואסער האָט אויסגערונענ פונעמ עמער, דאָס גלײַכגעוויכט איז צעשטערט געוואָרנ אונ די בלעטלעכ זײַנענ אזויארומ געפאלנ אפ דער גאס. פארשטייט זיכ, אז דאָס אלצ זײַנענ בלויז קליינע אגיטאציע־מיטלענ, אָבער זײ ציענ צו צו זיכ די אופמערקזאמקײַט פונ די ארבעטער אונ באווײַזנ זײ, אז די קאָמוניסטנ זײַנענ טעטיק.

ווי גרויס עס זאָלנ ניט זײַנ די דערגרייכונגענ פונ אונדזערע אונטערשטע פארטיי־אָרגאניזאציעס אינ געביט פונ אויסארבעטנ אונ פארשפרייטנ אומלעגאלנ מאטעריאל אונ אינ געביט פונ פארשפרייטונ אונדזערע רעוואָליוציאָנערע לאָזונגענ, דארפנ מיר דאָכ זאָרגנ וועגנ דעמ, אז אונדזערע אומלעגאלע מאטעריאלנ, וואָס די ארבעטער האָבנ זיכ נאָכ זײ בוכשטעבלעכ אויסגעהונגערט, זאָלנ ווירקלעכ דערגרייכנ יענע שיכטנ, פאר וועלכע זײ זײַנענ באשטימט. דאָ ווײַזנ זיכ קוידעמקאָל ארויס די פעלערנ אונ שוואכקײַטנ אינ דער ארבעט אפ די אונטערנעמונגענ. בלויז אנ אומבאדײַטנדיקער טייל אומלעגאלע צײַטונגענ זײַנענ צײַטונגענ פונ די פראָדוציר־קעמערלעכ, אונ אפילע אינ אונדזער קרײַזישער אונ צענטראלער פרעסע פארנעמט דער פראָדוציר־טייל בלויז א קליינ אָרט.

גראָד די דאָזיקע איניציאטיוו פונ אונטנ, די זעלבשטענדיקע ריכטיקע ארבעט פונ די אונטערשטע פארטיי־אָרגאניזאציעס ווײַזט אָנ אפ די קאָלאָסאלע דערפאָלגנ, וואָס די פארטיי האָט זיכ דערשלאָגנ אינ געביט פונ

אירע קאדרען. באזונדערס אינ די אונטערנעמונגען נוצנ אונדזערע כאווירים זייער גוט אויס אינ זייער אגיטאציע די אופגעבראכטקייט פונ די ארבעטער מיט די מאָסמיטלען פונ די אונטערנעמער — צי דורכ זאמלען אונטערשריפטנ אָדער דורכפירנ אנ אָפשטימונג, צי דורכ ארויסטרעטונגענ אפ די ארבעטער־פארזאמלונגען אונ פראָפארייניסע פארזאמלונגענ, קעדיי אזויארום פאר־שטארקנ דעם ווילנ פונ די ארבעטער צו ווידערשטאנד.

וו. אראָפּווארפנ אפ א באוואָפנטנ אויפנ די פאשיסטישע דיקטאטור — אזא איז די פערספעקטיוו אינ דײַטשלאנד

ווענ זי איז געקומענ צו דער מאכט, האָט די היטלערישע דיקטאטור דערקלערט, אז זי וועט אויסוואָרצלענ דעמ קלאסנקאמפ פונעמ דײַטשישנ פראָלעטאריאט — די דאָזיקע „אויסטראכטעניש פונ די קאָמוניסטישע בונטאַרעס". אָבער איר פּאָליטיק פונ בארויבנ דאָס פאָלק אונ פונ צעיושעטנ טעראָר האָט בלויז פארשארפט דעמ קאמפ אפנ קלאסנ־פראָנט. זי האָט אָנגעהויבנ א בירגערקריג קעגנ דעמ פראָלעטאריאט, באשטעטיקנדיק די לערע פונעמ מארקסיזמ וועגנ דעמ, אז דאָס באזײַטיקנ די קלאסנ אונ די קלאסנ־ווידערשפרוכנ וועט דערגרייכט ווערנ בלויז אינ רעזולטאט פונ אראָפּווארפנ יעטווידע געזעלשאפטלעכע אָרדענונג, וואָס האָט עקזיסטירט ביז איצט, אינ רעזולטאט פונעמ זיג פונ קאָמוניזמ.

„א באוואָפנטער אופשטאנד אראָפּצוווארפנ די פאשיסטישע בלוטיקע דיקטאטור" — אָט דאָס איז דער לאָזונג, וואָס די רעוואָלוציאָנערע פארטיי פונעמ פראָלעטאריאט רוקט ארויס פאר די מאסנ. ווערנדיק דער איינציקער ווירקלעכער צענטער פונ דער גאנצער אונ פונ יעטווידער אָפּאָזיציע פונ די אונטערדריקטע קלאסנ קעגנ דעמ פאשיסטישנ רעזשים, רוקט ארויס די פארטיי אלס צענטראלנ לאָזונג פונ איר פראָפּאגאנדע די פראגע וועגנ דעראָבערנ די מאכט, דעמ קאמפ פאר אײַנשטעלנ א ראטנמאכט. אונדזער גאנצע מאסנ־ארבעט, פונקט אזוי, ווי די ארבעט פונ אונדזערע אונטערשטע קעמערלעכ פונ אונדזערע פראקציעס אינ די מאסנ־אָרגאניזאציעס, דארפ זיכ אָריענטירנ אפ דער דאָזיקער פערספעקטיוו. די פארטיי דארפ ארויסגיינ פונ דעמ דרייסטנ באוווסטזײַנ, אז דער זיג פונעמ קאָמוניזמ איז אומפארמײַדלעכ. די דאָזיקע זיכערקײַט אינעמ זיג דארפ זי אײַנפלאנצנ אויכ בא די ארבעטנדיקע מאסנ.

אינ עטלעכע וואָכנ ארומ קומט אָנ דער 15־טער יאָרטאָג, זינט עס האָט זיכ געגרינדעט די קאָמוניסטישע פארטיי פונ דײַטשלאנד. אינעמ פולווער-רויכ פונ דער נאָיאבער-רעוואָלוציע, וואָס די סאָציאל-דעמאָקראטנ האָבנ פאראטנ, האָבנ זי געשאפנ די אומפארגעסלעכע קארל ליבקנעכט אונ ראָזע ליוקסעמבורג, קעדיי צו געבנ דעמ דײַטשישנ פראָלעטאריאט דאָס געווער, מיט וועלכנ ער זאָל קאָנענ ארויסרײַסנ די מאכט פונ זײַנע סאָנימס־הענט אונ אײַנשטעלנ זײַנ דיקטאטור.

VII. די קאָמוניסטישע פּראָגראַם פון ראַטעווען די אַרבעטנדיקע מאַסן

איך פאַרענדיק מיט פאַרעפנטלעכן די קאָמוניסטישע פּראָגראַם פון ראַטעווען די אַרבעטנדיקע מאַסן, וואָס אונדזער פּאַרטיי האָט אַרויסגערוקט. אַלס די איינציקע פּאַרטיי, וואָס האָט אַ פּראָגראַם פון אויסלייזן פון נויט, דאַלעס און אַרבעטלאָזיקייט, זאָגן מיר דעם אַרבעטנדיקן פאָלק פון דייטשלאַנד:

בלויז דאָס צעגראָמירן די פאַשיסטישע דיקטאַטור קאָן אייך אויסלייזן פונעם דאַלעס און פון דער שקלאַפעריי. צעגראָמירן די פאַשיסטישע דיקטאַטור קאָן בלויז די רעוואָלוציע פונעם אַרבעטער-קלאַס אין בונד מיט אַלע אונטערדריקטע און עקספּלואַטירטע. בלויז די מאַכט פונעם אַרבעטער-קלאַס וועט אייך ראַטעווען פון דער קאַטאַסטראָפע, אין וועלכער די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע וואַרפט אַריין דאָס דייטשישע פאָלק און וואָס די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע האָט צוגעגרייט בא דער ווייַמאַרער רעפּובליק.

פאָרויס צו דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט, פאַר אַ ראַטנמאַכט, פאַר אַראָפּוואַרפן דעם קאַפּיטאַליזם, פאָרויס צום סאָציאַליזם!

אָט דאָס איז דער וועג, מיט וועלכן עס איז אוועק דער פּראָלעטאַריאַט פון געוועזענעם צאַרישן רוסלאַנד אין בונד מיטן אַרבעטנדיקן און עקספּלואַטירטן פּויערטום אונטער דער אָנפירונג פון לענינס באָלשעוויסטישער פּאַרטיי. דער דאָזיקער וועג האָט געבראַכט אין קאַמף קעגן דעם צווישנפעלקערלעכן אימפּעריאַליזם צום סאָציאַליזם, צו דער נאַציאָנאַלער באַפרייונג פון הונדערטער פעלקער, צו דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער זעלבשטענדיקייט פון דער מעכטיקער ראַטן-מעלוכע.

די דאָזיקע סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע באַפרייונג איז דעראָבערט געוואָרן אונטער דער פאָן פון פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַליזם אין קאַמף קעגן דער נאַציאָנאַליסטישער באַרבאַרישקייט, קעגן דעם בלוטיקן ראַסנהאַס.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון דייטשלאַנד האָט אייך גערופן נאָכפאָלגן נאָך איר מיטן דאָזיקן וועג, מיטן וועג פון קאַמף פאַר אייערע אייגענע אינטערעסן, פאַר דער צוקונפט פון דער יוגנט און פון די קינדער. פון אַרויסטרעטן אפן דאָזיקן וועג האָט אייך אָפּגעהאַלטן די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע.

נאָכן אַראָפּוואַרפן די פאַשיסטישע דיקטאַטור, די הערשאַפט פון די

קאפיטאליסטנ, וועלנ מיר, קאָמוניסטנ, איינשטעלנ די מאכט פונ די ארבעטער־פויערשע ראטנ, די מאכט פונ דער קאָלאָסאלער מערהייט דייטשישנ פאָלק איבער דער נישטיקער מינדערהייט פאראזיטנ.

אינ די ראטנ, וואָס די ארבעטער, די ארבעטנדיקע פויערימ, די אָנגעשטעלטע, אלע ארבעטנדיקע פונ שטאָט אונ דאָרפ וועלנ פריי אויסוויילנ, וועלנ מיר, קאָמוניסטנ, פאָדערנ אייער האסקאָמע אפ פארווירקלעכנ טייקעפ פאָלגנדיקע גרונט־מאָסמיטלענ צו זיכערנ די מאכט פונעמ ארבעטער־קלאס אינ די אינטערעסנ פונ פרייהייט אונ וווילשטאנד פאר אלע עקספלואטירטע אונ אונטערדריקטע.

1. מיר וועלנ טייקעפ פארווירקלעכנ אָנ אויסקויפ די עקספראָפריאציע פונ אלע בענק, גרויסע אונטערנעמונגענ, אייזנבאנענ אונ אוניווערסאלע מאגאזינענ פונ די גרויסע קאפיטאליסטנ אונ וועלנ זיי פארוואנדלענ אינ סאָציאליסטישנ אייגנטומ.

2. מיר וועלנ פארווירקלעכנ אָנ אויסקויפ די עקספראָפריאציע פונ אלע ערדבאזיצנ פונ די פריצימ, פונ די קלויסטערס אונ מאָנאסטירנ, פונ די האָהענצאָלערנס, פונ די פירשטנ אונ פונ יעטווידנ אנדערנ גרויסנ ערד־אייגנטומ אונ צוזאמענ מיטנ גאנצנ אינווענטאר, וואָס געהער אימ, וועלנ מיר עס צעטיילנ צווישנ די פויערימ אונ לאנדווירטשאפטלעכע ארבעטער.

3. מיר וועלנ אָפשאפנ אלע כויוועס, וואָס די ארבעטער, פויערימ אונ קליינבירגערטומ זיינענ שולדיק די בענק, די גרויסע קאפיטאליסטנ אונ די גרויסע ערד־באזיצער, אונ מיר וועלנ אנולירנ אלע עקזיסטירנדיקע שטייערנ, וועלכע עס האָט איינגעפירט סיי די ווײמארער רעפובליק סיי אויכ די היטלערישע רעגירונג.

4. מיר וועלנ צוציענ אלע ארבעטנדיקע אָנטיילצונעמענ אינ דער מעלוכע־פארוואלטונג אפ דער באזע פונ דער פראָלעטארישער דעמאָקראטיע אונ דורכ די ראטנ, צומ דירעקטנ קאָנטראָל איבער די בענק, איבער דער אינדוסטריע, איבערנ אייזנבאנ־טראנספּאָרט אונ איבער די גרויסע לאנדווירטשאפטלעכע אונטערנעמונגענ.

5. מיר וועלנ אָפנעמענ אלע הייזער, דירעס, פאלאצנ בא די גווירימ, מיר וועלנ ארויסטרייבנ פונ זיי די לייידאקעס, אונ זייערע דירעס מיט דער גאנצער איינריכטונג וועלנ מיר איבערגעבנ די ארבעטלאָזע אונ אויכ אלע ארבעטנדיקע, וואָס וווינענ אינ שלעכטע דירעס (ארבעטער, אָנגעשטעלטע, באלמעלאָכעס אאוו.).

6. מיר וועלנ עקספראָפּרייִרנ אלע שפייכלערס פונ דערנערונג אונ פונ זאכנ פארנ מאסנ־געברויכ, וואָס געהערנ דער מעלוכע אונ די גרויסע קאפיטאליסטנ, אונ וועלנ זיי איבערגעבנ אינ רעשוס פונ די ארבעטלאָזע אונ אלע נויטבאדערפטיקע, דערביי וועט די פאנאנדערטיילונג ארופגעלייגט ווערנ אפ די קאָמיטעטנ פונ די ארבעטלאָזע.

7. מיר וועלנ באוואָרענענ אלע ארבעטנדיקע די פולע פרייהייט פונ

אָרגאַניזאַציע, פאַרזאַמלונגענ אונ פּרעסע; מיר וועלנ איבערגעבנ אינ זייער רעשוס די גרויסע זאַלנ, דרוקעריַיענ אונ אַלע פּאַפּיר־רעזערוונ.

8. מיר וועלנ שליסנ א ברידערלעכנ בונד מיטנ פאַרבאַנד פונ די סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקנ, מיר וועלנ באַוואָפּענענ אַלע אַרבעטנדיקע אונ וועלנ שאַפנ א מעכטיקע רעוואָליוציאָנערע רויטע אַרמיי. אינ בונד מיט די אַרבעטנדיקע פונ פססר, פוילנ, פראַנקרייַכ, טשעכאָסלאָוואַקיע אונ ענגלאַנד וועלנ מיר אָרגאַניזירנ א ווידערשטאַנד קעגנ אַלע רעסטאַוראַציע־פּרווונ מיצאַד דעמ פינאַנצ־קאַפּיטאַל אונ דעמ יונקערטומ.

9. גענומענ אינ אירע הענט אַלע פּראָדוציר־מיטלענ, וועט די פּראָלעטאַרישע מאַכט שאַפנ די פּאָרהאַנאָכעס פאַר אַנ אומגעהויערנ ווירטשאַפטלעכנ אופבלי פונעמ לאַנד אינ די אינטערעסנ פונ די אַרבעטנדיקע גופע, נייַע פּאָרהאַנאָכעס פאַר דער אַנטוויקלונג פונעמ אויסערנ־האַנדל, אינ דער ערשטער ריי מיטנ ראַטנפאַרבאַנד, אונ וועט באַוואָרענענ מיט אַרבעט אַלע אַרבעטנדיקע.

10. באַזיצנדיק די רעוואָליוציאָנערע מעלוכע־מאַכט, וועט דאָס אַרבעטנדיקע פאָלק פונ ראַטנ־דייַטשלאַנד, א באַפרייַטע פונעמ יאָכ פונ די אייגענע קאַפּיטאַליסטנ, דערקלערנ דעמ פאַרשקלאַפנדיקנ ווערסאַלער אָפּמאַכ פאַר אַנולירט. אינ בונד מיטנ צווישנפעלקערלעכנ פּראָלעטאַריאַט אונ מיטנ מעכטיקנ פאַרבאַנד פונ די סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקנ וועט די זיגרייַכע דייַטשישע פּראָלעטאַרישע רעוואָליוציע באַזייַטיקנ פונ איר וועג די רעפּאַראַציעס אונ אַלע צוואַנג־אָפּמאַכנ, וואָס האָבנ אָפּגענומענ בא דייַטשלאַנד די גלייַכבאַרעכטיקונג.

די ראַטנמאַכט, די מאַכט פונ דער איבערוועגנדיקער מערהייַט פונ פאָלק, וועט פאַרניכטנ די עקספּלואַטאַציע פונ מענטש דורכ מענטש, וועט מאַכנ א סאָפ צו דער נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג אונ וועט איינשטעלנ דעמ סאָציאַליזמ.

די ווייַמאַרער דעמאָקראַטיע האָט אייַכ צוגעזאָגט דעמאָקראַטישנ סאָציאַליזמ. די פאַשיסטנ האָבנ פאַר אייַכ פּראָקלאַמירט דעמ נאַציאָנאַלנ סאָציאַליזמ. אי די אי יענע האָבנ דערקלערט: דער קאַפּיטאַליזמ האָט זיכ אויסגעלעבט. אי די אי יענע האָבנ גענומענ צו זיכ אינ די הענט די מעלוכע־מאַכט. אָבער אי די אי יענע האָבנ פאַרווירקלעכט די מאַכט אינ די אינטערעסנ פונעמ קלאַס קאַפּיטאַליסטישע עקספּלואַטאַטערס, אַמ צו באַשיצנ די שטאַרבנדיקע קאַפּיטאַליסטישע סיסטעמ. עס איז ניטאָ קיינ דעמאָקראַטישער סאָציאַליזמ. עס איז ניטאָ קיינ נאַציאָנאַלער סאָציאַליזמ. אינ דייַטשלאַנד הערשט דער קאַפּיטאַליזמ.

עס איז פאַראַנ בלויז איינ סאָציאַליזמ — דער פּראָלעטאַרישער סאָציאַליזמ, וועלכנ עס פאַרווירקלעכנ די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור, די ראַטנמאַכט אינעמ סאָציאַליסטישנ ראַטנפאַרבאַנד. די גרויסע סאָוועטישע דעמאָקראַטיע האָט צעבונדנ די שעפערישע קרעפטנ פונ די מיליאָנענ דערנידעריקטע אונ אונטערדריקטע. זי האָט אַלעמענ געגעבנ אַרבעט. זי האָט

באפרייַט אלע פרויענ. זי האָט געעפנט אנ אומבאגרענעצטע צוקונפט פאר דער גאנצער יוגנט. זי האָט אופגעבויט א סאָציאליסטישע ווירטשאפט, וואָס האָט ניט וואָס מוירע צו האָבנ פאר קיינ קריזיסנ. זי פארניכטעט די קלאסנ, זי פירט צו אנ אָנקלאסעווער געזעלשאפט, צומ קאָמוניזמ, צומ וווילשטאנד פאר אלעמענ.

דעמ דאָזיקנ וועג ווייַזט אייַכ אָנ די קאָמוניסטישע פארטיי פונ דייַטש־לאנד.

עס דערנעענטערט זיכ די שאָ פונ אָפּרעכענענ זיכ פאר אלע פארברעכנס פונ דער דייַטשישער בורזשואזיע.

הייבט זיכ אופ, ארבעטער, הייב זיכ אופ, אָפּגענארט דייַטשיש פאָלק, קעגנ דער בלוטיקער פאשיסטישער הערשאפט פונעמ קאפיטאל!

הייבט זיכ אופ צומ קאמפ פאר אראָפּווארפנ די פאשיסטישע דיקטאטור!

פאר דער מאכט פונ די ארבעטער־פויערשע ראטנ!

פאר א ראטנ־דייַטשלאנד!

פאר פארניכטנ דעמ רויבערישנ ווערסאלער שאָלעמ!

פארנ סאָציאליזמ!

באוויירימ, איכ טארענדיק מייַנ פאָרטראָג.

זאָל לעבנ די קאָמוניסטישע פארטיי פונ דייַטשלאנד אונ איר פירער, וואָס איז פארשפארט אינ טורמע, — כ׳ טעלמאנ!

זאָל לעבנ דער אוואנגארד פונעמ וועלט־פראָלעטאריאט, די אלקפ(ב) אונ איר באָלשעוויסטישער צק בעראָש מיט כ׳ סטאלינ!

זאָל לעבנ דער קאָמוניסטישער אינטערנאציאָנאל!

זאָל לעבנ דער וועלט־אָקטיאבער!

(שטורמישע לאנגדויערנדיקע אפּלאָדיסמענטנ. די דע־לעגאטנ זינגענ דעמ „אינטערנאציאָנאל”).

שלוסוואָרט

כאַווײרים, די טעטיקײַט, וואָס האָט אין די שווערסטע באַדינגונגען פֿאַנאַנדערגעוויקלט נאָכן XII פּלענום די קאָמוניסטישע פּאַרטײ פֿונ דײַטשלאַנד, איר פֿעסטקײַט אין דורכפֿירנ די באָלשעוויסטישע גענעראַלע ליניע האָט דער XIII פּלענום אָנערקענט. מיר נעמענ אָנ די דאָזיקע אָנערקענונג אַלס אויסדרוק פֿונ אַכטונג פֿונעם גאַנצנ קאָמינטערנ צו דער העלדישקײַט, וואָס די מיטגלידער פֿונ אונדזער פּאַרטײ אונ אונדזער פּאַרטײ-אַקטיוו האָבנ אַרויסגעוויזנ אינ קאַמפּ קעגנ דער אָפֿענער פֿאַשיסטישער דיקטאַטור. דאָס דאָזיקע אַרויסווײַזנ זיכ פֿונ דער ענגער צוזאַמענגעבונדנקײַט פֿונעם קאָמוניסטישנ אינטערנאַציאָנאַל מיטנ רעוואָליוציאָנערנ דײַטשישנ פּראָלעטאַריאַט, די דאָזיקע באַגײַסטערונג, די אַכטונג, וואָס איז אימ אַרויסגעדריקט געוואָרנ, וועלנ אימ באַוועגנ נאָכ שטאַרקער, ווי פֿריער, אָנשטרענגענ זײַנע קויכעס צומ קאַמפּ פֿאַר דער מאַכט, פֿאַר אַראָפּוואַרפֿנ די פֿאַשיסטישע דיקטאַטור. נאָר מיר זײַנענ אויכ אַלס פּאַרטײ-אָנפֿירונג באַפֿרידיקט מיטנ אָנערקענענ אונדזער רעוואָליוציאָנערע מאַסנ-אַרבעט קעגנ דעמ פֿאַשיזמ אונ סאָציאַל-פֿאַשיזמ, כאָטש מיר שאַצנ אינ קײנ שומ מאָס ניט איבער די סאַכאַקלענ פֿונ אונדזער אַרבעט.

מיר געדענקענ די גרויסע דיספּראָפּאָרצ צווישנ די אָביעקטיוו-גינסטיקע פֿאַרהאַנאָכעס פֿונעמ רעוואָליוציאָנערנ קריזיס אונ די סאַכאַקלענ פֿונ אונדזער מאַסנ-אַרבעט, אונ דאָס פֿאַרהיט אונדז פֿונ יעטווידנ קאָפּשווינדל אינ צוזאַמענהאַנג מיטנ באַגײַסטיקנ אונדזער טעטיקײַט. מיט געפֿיל פֿונ טיפֿסטער איבערצײַגונג אינ איר ריכטיקײַט שטרײַכנ מיר אונטער כ׳ פּיאַטניצקיס קריטיק פֿונ אונדזער אַרבעט, די קריטיק פֿונ די פֿעלערנ אונ שוואַכקײַטנ, וואָס האָבנ אונדז געשטערט צו דערגרייכנ נאָכ גרעסערע דערפֿאָלגנ אינ געביט פֿונ מאָביליזירנ די אַרבעטנדיקע מאַסנ קעגנ היטלערס דיקטאַטור, אינ געביט פֿונ אויסקעמפֿנ די מאַסנ באַמ סאָציאַל-פֿאַשיזמ. כ׳ פּיאַטניצקי האָט אונדז פֿולקומ גערעכט קריטיקירט פֿאַר דעמ, וואָס אינ קאַמפּ קעגנ אײַנשטעלנ די אָפֿענע פֿאַשיסטישע דיקטאַטור האָבנ מיר ניט גענוג קאָנקרעט אַרויסגערוקט אינ פֿאָדערגרונט אונדזער פּראָגראַמ פֿונ נאַציאָנאַלער אונ סאָציאַלער באַפֿרײַונג, וואָס מיר האָבנ דערלאָזנ א פֿאַרלוסט פֿונ דעמ טעמפּ אינ אונדזער רעוואָליוציאָנערער פֿאָרויס-באַוועגונג. דער דאָזיקער פֿאַרלוסט פֿונעם טעמפּ איז א רעזולטאַט פֿונעמ ניט גענוג קאָנקרעטנ באַווײַזנ דעמ רעוואָליוציאָנערנ אויסוועג פֿונעמ קריזיס, פֿונ דער ניט-גענוגיקער אַרבעט אינ די מאַסנווע פֿאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס, פֿונ דעמ ניט-גענוגיקנ דעמאַסקירנ די פֿאַשיסטישע מאַנעוורענ אונ איז אויכ א רעזולטאַט דערפֿונ, וואָס מיר פֿלעגנ צו אָפֿט אַרויסרוקנ אַבסטראַקטע לאָזונגען, האָבנ ניט געזאָרגט וועגנ א גענוג פּאָפּולערער שפּראַכ פֿונ אונדזער פּרעסע אאַוו. מיר וועלנ פֿונ דער דאָזיקער קריטיק ערנסט לערנענ אונ דאָס וועט אונדז העלפֿנ לײזנ די הויפּט-אויפֿגאַבע, וואָס שטײט פֿאַר אונדז — פֿירנ די מאַסנ צומ קאַמפּ פֿאַר דער מאַכט.

טאקע דערפאר, ווײַל די דײַטשישע פארטײ שטײט אפ אײנעם פונ די פאראנטוואָרטלעכסטע פּאָסטנס פונ דער פּראָלעטארישער וועלט-רעוואָליוציע, ליגט אפ אונדז אַנ ערנסטע פארפליכטונג פארנ קאָמינטערנ אונ פארנ גאנצנ וועלט-פּראָלעטאריאט קוידעמקאָל — פארקערפּערנ אינ לעבנ די באשלוסנ פונעם XIII פלענום אונ אומדערבארעמדיק אויסוואָרצלענ אַלע פעלערנ פונ אונ-דזער ארבעט.

מיר גיבנ זיכ אָפּ א כעזשבנ אינ דער טיפער באדײַטונג פונ דער אופ-גאבע, וואָס שטעלט זיכ פאר אונדז אינ צוזאמענהאנג מיט דער פארשאר-פונג פונעם קלאסנקאמפ אינ דײַטשלאנד. דאָס איז די פראגע פונ מאכט, די פראגע פונ ראטנ, די פראגע פונ פּראָלעטארישער דיקטאטור. כאווײרים, די אופגאבע איז געשטעלט געוואָרנ, מיר דארפנ זי לײזנ. דער XII פלע-נום האָט קאָנסטאטירט, אז אינעם איבערגאנג-פּעריאָד פונ דער פארהעלט-ניסמעסיקער סטאביליזאציע צום נײַעם טור רעוואָליוציעס אונ מילכאָמעס קאָנ אײנ טאָג זײַנ גלײַכ צו 20 יאָר „נאָרמאלער” אנטוויקלונג, אונ אינ די טעזיסנ פונעם XIII פלענום איז פארצײכנט, אז עס זײַנענ מעגלעכ פלוצעמדיקע אונ שארפע קערנ אינ קלאסנקאמפ. מיר דארפנ מיט אַנ אײַ-זערנער איבערצײַגטקײַט אײַנוואָרצלענ אינ די מאסנ די אידײ פונ ראטנ-מאכט אַלס דעם אײנציקנ אויסוועג פונ קריזיס פונעם קאפּיטאליזם. דאָס פארשפּרײטנ די אידײ פונ ראטנ דארפנ מיר מאכנ פארנ גרונט-לײטמאָטיוו פונ אונדזער גאנצער מאסנ-אגיטאציע אונ פּראָפּאגאנדע אונ קאָנקרעט בא-ווײַזנ די מאסנ, אז בלויז מיט דער הילפ פונ דער דיקטאטור פונ פּראָלעטא-ריאט קאָנ מענ זיכ באפרײַענ פונ דער נויט אונ שקלאפערײַ פונ קאפּיטאליזם.

קעדײ צו פּאָפּוליאריזירנ די אידײ פונ ראטנ אינ די ארבעטנדיקע מאסנ, זײַנענ מיר ווידעראמאָל ארויסגעטראָטנ מיט אונדזער פּראָגראם פונ נאציאָנאלער אונ סאָציאלער באפרײַונג אונ האָבנ אינ איר פּינקטלעכ אָנ-געוויזנ וואָס אײגנטלעכ דער זיגרײַכער פּראָלעטאריאט וועט דורכפירנ אונ-טער אונדזער אָנפירונג שוינ אינעם ערשטנ טאָג נאָכנ דעראָבערנ די מאכט אינ די אינטערעסנ פונעם ארבעטנדיקנ פאָלק. אָט די באפרײַונג-פּראָגראם — דאָס איז די פּראָגראם פונ קאמפ קעגנ דער פאשיסטישער דיקטאטור, קעגנ דעם שאָוויניזם אונ קעגנ די מילכאָמע-אונטערצינדער, קעגנ דער פּאָלי-טיק פונ פאראטנ דעם ארבעטער-קלאס, וואָס די סאָציאל-דעמאָקראטנ פירנ דורכ; דאָס איז די פּראָגראם פונ ראטעווענ די ארבעטנדיקע.

צוזאמענ דערמיט דערקלערנ מיר די ארבעטנדיקע מאסנ, אז די ראטנ זײַנענ די פאָרם פונ פּראָלעטארישער דיקטאטור, וואָס עס האָבנ דעראָבערט אינ רוסלאנד די ארבעטער, פויערים אונ סאָלדאטנ, — פונ דער פּראָלעטא-רישער דיקטאטור, וואָס מיט איר הילפ האָבנ זײ אונטער לענינס אָנפירונג אונ אונטער דער אָנפירונג פונ זײַנ פארטײ זיגרײַכ דורכגעפירט די אָק-טיאבער-רעוואָליוציע אונ אופגעשטעלט דעם פונדאמענט פונ סאָציאליזם. מיר דארפנ קענענ דערקלערנ די מאסנ די גאנצע פּראָגראם, וואָס איז פארבונדנ מיטנ באגריפ „ראטנ”. אונ קוידעמקאָל איז נויטווענדיק צו

באווײַזן אונדזער ארבעטנדיקער יוגנט, אז אין דער קאפּיטאליסטישער וועלט האָט זי פאר זיך ניט קיין פּערספּעקטיוון פון אופשטײַג, קוידעמקאָל דארפן מיר אין איר אײַנפלאנצן די ראטן-אידיי און דערמיט גופע מיטציִען זי אפ די פאָדערשטע שלאָג-פּאָזיציעס אין קאמף פאר א ראטן-דײַטשלאנד.

איבער אונדז וועט זיך אײַנגעבן ארײַנלייגן די אידיי פון קאמף פאר די ראטן אין יעדער באזונדערער טאָגטעגלעכער שלאכט, מאכן אזוי, אז די ברייטסטע מאסן זאָלן זיך דורכדרינגען מיט דער דאָזיקער אידיי, דאן וועלן איך צום דײַטשישן פּראָלעטאריאט זיך באציִען די ווערטער, וואָס לענין האָט אָנגעשריבן דעם 5-טן מארט 1919 יאָר אינעם ארטיקל „דאָס דערגרייכטע און פארשריבענע“.

> „די דאָזיקע דעראָבערונג זײַנען קיין שום בעסטיאַלישקײַטן פון דער אימפּעריאַליסטישער בורזשואזיע, קיין שום פארפאָלגן און דערמאָרדן באָלשעוויקעס ניט בעקויעך אָפּצונעמען בא די מאסן. וואָס מער עס וועט בושעווען די „דעמאָקראטישע“ בורזשואזיע, אלץ פעסטער וועלן זײַן די דאָזיקע דעראָבערונגען בא די פּראָלעטארישע מאסן אין הארצן, אין זייער שטימונג, אין זייער באוווסטזײַן, אין זייער העראָישער גרייטקײַט צום קאמף.“ *

דער ווילן צו מאכט, וואָס מיט אים דארף זײַן אָנגעזאפּט אונדזער מאסן-ארבעט, דארף אײַנגעפלאנצט ווערן אין די מיליאָניקע מאסן ארבעטנדיקע און ווערן א מאטעריעלע קראפט. דער פעסטער באוווסטזײַן, אז היטלער פירט דײַטשלאנד צו א קאטאסטראָפע, דארף דערוועקן אין די מאסן דעם ווילן צו קאמף, צו אראָפּווארפן אפ א באוואָפנטן אופן די פאשיסטישע דיקטאטור און אײַנצושטעלן די דיקטאטור פון פּראָלעטאריאט.

אָט דאָס איז אונדזער אופגאבע. מיר וועלן זי פארקערפּערן אין טאט. אונדזער באריכט האָט באוויזן, אז אפן דאָזיקן וועג באוועגן מיר זיך פאָרויס, און א ריי געשעענישן, וואָס זײַנען פאָרגעקומען אין דײַטשלאנד בייס דער ארבעט פונעם דאָזיקן פּלענום, באשטעטיקן דאָס ווײַטער. די אָפּנארערישע סאָציאַלע דעמאגאָגיע פון די פאשיסטן פארלירט אלץ מער איר ווירקונג אפ די מאסן. אונדז גיט זיך אלץ בעסער אײַן צו מאָביליזירן די ארבעטנדיקע מאסן קעגן די פאשיסטן, און דערמיט גופע אלץ מער פארשמעלערן די מעגלעכקײַטן פון דער פאשיסטישער דעמאגאָגיע. איך וואָלט דאָס געוואָלט באווײַזן כאָטש אפ עטלעכע בײַשפּילן, וואָס זײַנען גענומען פון דער כראָניק פון די לעצטע טעג.

נאָך ערשט מיט עטלעכע וואָכן צוריק האָט דער פירער פונעם אזויגערופענעם „דײַטשישן ארבעט-פראָנט“, דער פאשיסט ליי, צוגעזאָגט די ארבעטער צום קומענדיקן פרילינג א 10-פּראָצענטיקע העכערונג פונעם ארבעטלוין, א דרײַוואָכיקן אורלויב און דאָס אײַנפירן א וועכנטלעכן

---

* לענין, באנד XXIV, זײַט 26, צווייטע אופלאגע.

ארבעטלויזע. איצט האָט דער פאשיסט פעפלער, דער פארוואלטער פונעם „סאָציאל־פּאָליטישנ אָפּטייל" פונעם „דײַטשישנ ארבעט־פראָנט", ארויסגעלאָזט פאָלגנדיקנ באפעל צו אלע אַנט־אָנפירער פונעם „ארבעט־פראָנט":

„דערמיט פארווער איכ אלע אָפּטיילנ פונעם „דײַטשישנ ארבעט־פראָנט", וואָס פארוואלטנ מיט די פראגנ פונ סאָציאלער פּאָליטיק, צו מאכנ אינ זייערע רעדעס, לעקציעס, ארטיקלענ אאוו. וועלכע עס זאָלנ ניט זײַנ דערקלערונגענ, ווי: „מיר, נאציאָנאל־סאָציאליסטנ, וועלנ אײַנפירנ א וועכנטלעכנ ארבעטלוינ, מיר וועלנ פארלענגערנ די אורלויב־צײַט, מיר וועלנ זאָרגנ וועגנ העכערנ דעמ ארבעטלוינ אאוו." אזוינע אומפאראנטוואָרטלעכע דערקלערונגענ אינ די רייענ פונ די מיטגלידער פונעם „דײַטשישנ ארבעט־פראָנט" וועקנ האָפענונגענ, וואָס רופנ ארויס צערודערטקייט אונ אומאָרדענונגענ."

דאָס פאנגענ דאָס פויערטומ אונ דאָס דעראָבערנ עס אפ דער זייט פונ דער פאשיסטישער דיקטאטור איז געמאכט געוואָרנ מיט דער הילפ פונ די צוזאָגנ צו באשיצנ דאָס פויערטומ, צו געבנ באזונדערע לעהאָטעס די פויערימ, אלס „שטאנד פונ פאָלק־דערנערונג", צו באשיצנ דעמ פויערשנ ערד־בײַלעק מיטנ געזעצ וועגנ „ירושע־גיטער" אונ נאָכ אזוינע מאָטמיטלענ. די פויערימ האָבנ אָנגענומענ די דאָזיקע צוזאָגנ פאר גוט געלט אונ פאָדערנ אקשאָנעסדיק, מע זאָל זיי אויספילנ. דער פאשיסטישער מיניסטער פאר פאָלק־דערנערונג דארע האָט פארעפנטלעכט אינ „בערלינער טאגעבלאט" פונ 11־טנ אָקטיאבער 1933 יאָר פאָלגנדיקנ באפעל:

„קעדיי אויסצומײַדנ אומאָרדענונגענ, פארווער איכ פאָרטראָגנ אונ לעקציעס וועגנ דעמ געזעצ וועגנ ירושע־גיטער. וועגנ די געזעצנ, וואָס זײַנענ נעגייע דעמ שטאנד פונ פאָלק־דערנערונג אונ וועגנ איבערבויענ די אָרגאניזירונג פונעמ מארק."

אינ צוזאמענהאנג מיט דער וואקסנדיקער ארבעטער־אָפּאָזיציע אינ די פראָפפאריינענ האָט דער פאשיסט ליי פארבאָטנ ווײַטער אָנצונעמענ נײַע מיטגלידער אינ די פראָפפאריינענ, קעדיי ענדגילטיק צו ליקווידירנ די פראָפפאריינענ. די ארבעטער ווערנ געצוווּנגענ ארײַנצוטרעטנ אינעמ אזויגערופענעמ „דײַטשישנ ארבעט־פראָנט", ווו זיי וועלנ צוזאמענ מיט די אונטערנעמער „איבערדערציגנ" ווערנ אינ נאציאָנאל־סאָציאליסטישנ גײַסט. די זעלבע צילנ פונ נאציאָנאל־סאָציאליסטישער אָפּנארערײַ דארפ דינענ די נײַע אָרגאניזאציע „קראפט דורכ פרייד", וואָס די פאשיסטנ האָבנ געשאפנ אונ וואָס נעמט אונטערנ קאָנטראָל די פרײַע צײַט פונ די ארבעטער. דער ארבעט־צוואנג אינ די ארבעטפליכט־לאגערנ דארפ נאָכ מער פארשטארקט ווערנ מיטנ אײַנפירנ דעמ ארבעט־פאספּאָרט. מע האָט בעדייע ארויסצוגעבנ א געזעצ, לויט וועלכנ עס וועט קומענ טויטשטראָפ פאר אָרגאניזירנ א שטרײַק אָדער פאר רופנ צו א שטרײַק.

אָט דאָס אלצ זײַנענ סימאָנימ, אז אינ די פאשיסטישע פראָפפאריינענ קאָנ מענ די מאסנ ניט פארמאכנ דאָס מויל אונ אז אונדז גיט זיכ אלצ אינ א גרעסערער מאָס אײַנ צו פאראליזירנ די פאשיסטישע אָפּנארערישע

מאַנעוורען און איבערצייגן די אַרבעטנדיקע מאַסן אין דער נויטווענדיקייט פון קאַמפ. דערביי האָט אַ באַזונדער ערנסטע באַדייטונג דאָס אויסאַרבעטן די טיילווייזע פאָדערונגען און קאָנקרעטיזירן זיי, צוגעפאַסט צו די אָרטיקע באַדינגונגען, צו די באַדינגונגען פון דער פּראָדוקציע. די דאָזיקע טיילווייזע פאָדערונגען זיינען יענער רינג, פאַר וועלכן עס איז נייטיק זיך אָנכאַפּן, קעדיי צו באַהעפטן די אַרבעטנדיקע מאַסן אין רעוואָליוציאָנערן איינהייט־פראָנט פאַר אַ רעוואָליוציאָנערן מאַסן־קאַמפ קעגן דער פאַשיסטישער דיקטאַטור. אָבער אויך דאָ לאָזן זיך פילן אונדזערע שוואַכקייטן: מיר קאָנען נאָך אַלץ ניט ווי געהעריק פאַרבינדן די טאָגטעגלעכע פראַגן פון די אַרבעטנדיקע מאַסן מיט אונדזערע רעוואָליוציאָנערע לאָזונגען און מיט דער פראַגע וועגן מאַכט. אין דער דאָזיקער הינזיכט איז שוין אויפן XII פּלענום אונדזער אַרבעט באַזונדערס שטאַרק קריטיקירט געוואָרן, און כאָטש מיר האָבן ערנסט געפּרווט בייצוקומען די דאָזיקע שוואַכקייט, האָט זיך דאָס אונדז איינגעגעבן בלויז טיילווייז. עס איז קיין שום ספק ניטאָ, אַז פון ריכטיק פאַרבינדן די טיילווייזע און טאָגטעגלעכע לאָזונגען מיט די אַלגעמיין־פּאָליטישע פראַגן פון קאַמפ, פון פאַנאַנדעראַרבעטן זיי קאָנקרעט איז געווענדט דאָס דעראָבערן די אַרבעטנדיקע מאַסן צום קאַמפ פאַר דער מאַכט.

אַן אויסשליסלעך וויכטיקע אויפגאַבע שטעלט זיך פאַר אונדז אין צוזאַמענהאַנג מיט דער נויטווענדיקייט צו ליקווידירן די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. מיר דאַרפן איינברעכן איר איינפלוס אויף די אַרבעטנדיקע מאַסן; מיר וועלן ניט דולדן אין אונדזערע רייען קיין שום וואַקלונגען אין קאַמפ קעגן דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אַלס דעם הויפּט־סאָציאַלן אָנשפּאַר פון דער בורזשואַזיע. דער XIII פּלענום קאָנסטאַטירט, אַז אינעם II אינטערנאַציאָנאַל און אין דער דייטשישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע קומט פאָר אַ קריזיס. אָבער קעדיי צו דערשלאָגן זיך די פולע צעגראָמירונג פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, דאַרפן מיר פירן אַן אומופהערלעכן קאַמפ קעגן דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אידעאָלאָגיע, וואָס ווירקט נאָך אַלץ אויף די מאַסן. מיר דאַרפן קעמפן קעגן די „לינקע" פראַזן וועגן שאַפן די אַזויגערופענע „רעוואָליוציאָנערע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע" מיט „רעוואָליוציאָנערע צילן", וועגן „דעראָבערן די מאַכט" און וועגן דער „דערציערישער דיקטאַטור". דאָס איז יענע פראַזעאָלאָגיע, וואָס מיט איר הילף פּרוּוון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן פאַרהאַלטן דעם איבערגאַנג פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער־מאַסן אין די רייען פונעם רעוואָליוציאָנערן איינהייט־פראָנט.

כ' מאַנוילסקי האָט זייער טרעפלעך כאַראַקטעריזירט אין זיין רעדע די ראָליע פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין פאַרלויף פונעם גאַנצן נאָכמילכאָמע־פּעריאָד:

„עס איז גענוג אויף אַ מינוט זיך פאָרצושטעלן, וויאַזוי עס וואָלט איצט אויסגעזען די וועלט, ווען עס וואָלט אין דעם אַרבעטער־קלאַס דערשטיקט געוואָרן די נידערטרעכטיקע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַסקודע, ווען די אַל־

וועלטלעכע ארבעטער־באוועגונג וואָלט געווענ פארייניקט אונטער דער אָנפירונג פונ דער קאָמפארטיי אונ פונעמ קאָמוניסטישנ אינטערנאציאָנאל, בא דער עקזיסטענצ פונעמ ראטנפארבאנד פליוס די ראטנ אינ כינע. דאנ וואָלט ניט געווענ ניט דער דײַטשישער פאשיזמ, ניט די געפאר פונ אנ אימפעריאליסטישער מילכאָמע.”

אונ כ' קנאָרינ האָט דערגאנצט כ' מאנוילסקיס דאָזיקע ווערטער, ווענ ער האָט געשטעלט די פראגע, וואָס וואָלט געווענ מיטנ דײַטשישנ פראָלעטאריאט בא דער פאשיסטישער דיקטאטור, ווענ ער וואָלט ניט געהאט קיינ קאָמוניסטישע פארטיי. צי וואָלט מענ אימ, ניט האָבנדיק קיינ אָנפירונג, ניט ארויסגעגעבנ אינגאנצנ דעמ פאשיזמ? בא אונדז וואָלט אינ דײַטשלאנד ניט געווענ קיינ שומ פערספעקטיוו אפ א נײַעמ רעוואָליוציאָנערנ אופשטײַג. אָנשטאָט רעוואָליוציאָנערנ מאסנ־האס, וואָס זײַנ כוואליע הייבט זיכ אופ קעגנ דעמ פאשיזמ אינ די אונטערנעמונגענ אונ וואָס הייבט אָנ צו פארקערפערט ווערנ אינ רעוואָליוציאָנערנ טאט, וואָלטנ געהערשט האָפענונגלאָזיקײַט, דעפרעסיע, שטומע פארצווייפלונג אונ פארביטערונג.

אינ צוזאמענהאנג מיט דעמ שטעלט זיכ אָבער די פראגע, ווי וואָלט זיכ איצט אײַנגעפונענ די פארטיי אונ צוזאמענ מיט איר דער דײַטשישער פראָלעטאריאט, ווענ זי וואָלט ארופגעטראָטנ אפנ וועג פונ רעמעלע אונ ניימאנ, אפנ וועג פונ אָפאָרטוניסטישנ איבערגעבורט, ווענ זי וואָלט זיכ געלאָזט אָפקערנ פונעמ וועג פונ לעניניזמ אונ קאָמינטערנ? די אנטיפארטייִשע שטרעבונגענ פונ רעמעלע־ניימאנ, וואָס זײַנענ געווענדט אפ שפאלטנ אונ ליקווידירנ די פארטיי, באשטייענ אינ אונטערשטיצנ דירעקט די סאָציאל־דעמאָקראטיע אינ דעזערטירערײַ, אינעמ קאמפ קעגנ פאשיזמ. זייער „טעאָריע וועגנ מײַרעוו־אייראָפייִשנ קאָמוניזמ” איז די פראקציאָנעלע באזע פארנ קאָנטררעוואָליוציאָנערנ טראָצקיזמ. ניימאנ האָט פאָרגעלייגט, ווי כ' מארטי האָט דאָ אָנגעוויזנ, אינעמ בריוו צו זײַנ פרײַנט פונ דער זעלבער פראקציע רעמעלע צו אָרגאניזירנ א פארטיי־שפאלטונג. מיט דער הילפ פונ דער שענדלעכסטער רעכילעס אפ דער אָנפירונג האָבנ זיי זיכ געפרווט ארײַנטראָגנ א דעזאָרגאניזאציע אינ די רייענ פונ דער פארטיי. אָבער פונקט אזוי, ווי די פארטיי האָט מיט דער הילפ פונעמ קאָמינטערנ פארניכטעט אלע פריִערדיקע אנטיפארטייִשע גרופירונגענ, אזוי שנעל האָט זי אויכ ליקווידירט בא זיכ די דאָזיקע אטאקעס פונ די רעמעלעס אונ ניימאנס. די דײַטשישע פארטיי איז אײַנהײַטלעכ, זי פארווירקלעכט די באָלשעוויסטישע גענעראלע ליניע, וואָס זי האָט אויסגעארבעט אונטער כ' טעלמאנס אָנפירונג אונ מיט דער הילפ פונ דער לענינשער אָנפירונג פונ קאָמינטערנ אפ דערגרייכנ איר רעוואָליוציאָנערנ ענד־ציל.

אונטער כ' טעלמאנס אָנפירונג האָט די פארטיי אינ איר קאמפ קעגנ יעטווידער ווירקונג פונ דער סאָציאל־דעמאָקראטיע, אינ קאמפ אפ צוויי פראָנטנ — קעגנ דעמ רעכטנ אָפאָרטוניזמ אונ קעגנ דער סעקטאנטישקײַט — שטענדיק געדענקט כ' סטאלינס ווערטער, אז די פארטיי פארפעסטיקט זיכ, אָפרייניקנדיק

אירע רייען פונ די אָפּאָרטוניסטישע עלעמענטנ. אונ דאָס באציט זיכ גראָד צו אזוינע היסטאָרישע קערנ, ווענ דער קלאסנקאמפ ווערט דורכגעפירט אינ אנ אויסערסט שווערער סיטואציע אונ אפ דער פּארטיי ווערט מיט א באזונדערער קראפט געמאכט א פראָנט־אטאקע פונעם קלאסנ־פּײַנט. דאָ אפנ פּלענום האָבנ אייניקע כאווירים זייער ריכטיק אָנגעוויזנ, אז די באציונג צו די דײַטשישע געשעענישנ איז דער פּרוווּ־שטיינ פונ דער רײַפקײַט פונ די קאָמוניסטנ אונ אויכ פונ די סעקציעס פונ קאָמינטערנ. דאָ האָט מענ אָנגעוויזנ אפ די וואקלונגענ, וואָס האָבנ זיכ ארויסגעוויזנ אינ די רייענ פונ אייניקע סעקציעס, ווי אפ אנ אויסדרוק דערפונ, וואָס אונדזערע סעקציעס האָבנ נאָכ ניט באוויזנ אינ א גענוגיקער מאָס אויסוואָרצלענ די סאָציאַל־דעמאָקראטישע ווירקונגענ אינ אונדזערע אייגענע רייענ אונ וואָס פארשווערט אונדז די מעגלעכקײַט צו ליקווידירנ דעם סאָציאַל־דעמאָקראטישנ אײַנפלוס אפ די מאסנ אונ פארוואנדלענ די קאָמוניסטישע פּארטיי אינ דער איינציקער מאסנ־פּארטיי פונעם פּראָלעטאריאט. איכ וועל זיכ דאָ ניט אָפּשטעלנ אפ דעמ כ' עמבער דראָס ארויסזאָגונגענ, ווײַל דאָס האָבנ שוינ געטאָנ אנדערע כאווירימ. איכ וויל בלויז זאָגנ, אז זײַנע ארגומענטנ אונ די קריטיק פונ זײַנע פּעלערנ קלינגענ ווייניק איבערצײַגנדיק. זײַנ גאנצע אוועקשטעלונג פונ דער פּראגע איז געווענ ווייניק ענלעכ אפ א באָלשעוויסטישער אונ האָט גיכער גערעדט וועגנ דער פּארמאסקירונג פונ זײַנע ווירקלעכע אָנשויונגענ.

כאווירים, אינ פּראט פונ באָלשעוויזירנ אונדזער פּארטיי האָט פּאר אונדז שטענדיק געהאט אנ אנטשיידנדיקע באדײַטונג דער גלענצנדיקער בײַשפּיל, וואָס עס פּלעגט אונדז געבנ די אלקפּ(ב) אונטער לענינס אָנפּירונג אונ וואָס זי גיט אונטער דער אָנפּירונג פונעם בעסטנ פּאָרזעצער פונ זײַנ ווערק — כ' סטאלינ. דער 10-טער יאָרטאָג נאָכ לענינס טויט, וואָס דערנעענטערט זיכ, פּארפּליכטעט אונדז באזונדערס ניט בלויז צו דערמאָנענ זיכ די קאָלאָסאלע גרויסקײַט פונ דעם, וואָס ער האָט אופגעטאָנ, — ער פּארפּליכטעט אונדז נאָכ אינ א סאכ א גרעסערער מאָס, איידער פריִער, צו מאכנ זײַנ לערע פּארנ אייגנס פונעם אינטערנאציאָנאלנ פּראָלעטאריאט, קעדיי ער זאָל זי פּארקערפּערנ אינ טאט. אונ דער XVII צוזאמענפאָר פונ אלקפּ(ב) וועט באווײַזנ דעם אינטערנאציאָנאלנ פּראָלעטאריאט אינ כ' סטאלינס באריכט־פּאָרטראָג, וואָס פּאר א פּרוכטנ לענינס לערע האָט געבראכט אינ דער בויונג פונ דער סאָציאַליסטישער אָנקלאסעווער געזעלשאפט. די גראנדיִעזע דערפּאָלגנ פונ דער אלקפּ(ב) אינ געביט פונ דער רעוואָליוציאָנערער מאסנ־ארבעט, פונ מאָבילירנ די שלאָג־בריגאדעס, פונ אינדוסטריאַליזאציע, פונ דער קאָלעקטיוויזאציע פונ דאָרפ אונ פונ העכערנ דעמ עקאָנאָמישנ אונ קולטורעלנ ניוואָ פונ אלע ארבעטנדיקע ווערנ נאָכ מער ווי פריִער אונדז העלפנ צו דעראָבערנ אינ די קאפּיטאליסטישע לענדער די ארבעטנדיקע מאסנ פּאר דער פּראָלעטארישער רעוואָליוציע. זיי גיבנ אונדז קויעכ אויסצופּילנ די גרויסע אופגאבע פונ באפרײַענ די ארבעטנדיקע מאסנ פונעם קאפּיטאליסטישנ דאלעס אונ פונ דער פּאשיסטישער שקלאפערײַ.

סאָם יאָר ווערט 15 יאָר, זינט עס איז געגרינדעט געוואָרנ די קאָמוניסטישע פּארטיי פונ דײַטשלאַנד, וואָס פאלט קימאט צונויפ מיטנ טאָג, ווענ ס'איז געבוירנ געוואָרנ דער לענינשער קאָמוניסטישער אינטערנאציאָנאַל, אינ צוזאמענהאנג דערמיט לאָמיר דערמאָנענ די גרויסע הילפ, וואָס לענינ האָט אונדז געגעבנ אפ בײַקומענ די פעלערנ אונ שוואכקײַטנ, וועלכע עס האָבנ געהאט די דײַטשישע לינקע אונטער דער אָנפירונג פונ ראָזא ליוקסעמבורג אונ קארל ליבקנעכט, פונ פראנצ מערינג, קלארא צעטקינ אונ אנדערע, אונ וואָס האָבנ געשטערט צו שאפנ רעכטצײַטיק א רעוואָליוציאָנערע מאסנ-פּארטיי.

לענינס אונ סטאלינס קריטיק פונ די דאָזיקע פעלערנ, די קריטיק פונ ניט־דערשאצנ — מיצאַד די „לינקע“ — די ראָליע פונ דער פּארטיי אלס אָרגאניזירנדיקע קראפט פונ רעוואָליוציאָנערנ מאסנ־קאמפ האָט אונדז אינ דײַטשלאנד געוויזנ דעם וועג, מיט וועלכנ מיר האָבנ געדארפט גיינ, שאפנדיק די רעוואָליוציאָנערע מאסנ־פּארטיי. דער 15־טער יאָרטאָג פונ דער קפּד טרעפט זי אינ טיפסטער אונטערערד, אָבער אינ דער זעלבער צײַט אינ א גוואלדיק אָנגעשטרענגטנ קאמפ קעגנ דער אָפענער פאשיסטישער דיקטאטור. די דאָזיקע 15 יאָר זײַנענ געווענ איידעס פונ דער פּאָליטיק פונ קלאסנ־פאראט, וואָס די סאָציאל־דעמאָקראטיע האָט געפירט, פונ דער פּאָליטיק פונ א קאָאליציע מיטנ פראָלעטאריאטס קלאסנ-פײַנט, וואָס מיט איר הילפ האָט זי דעמ פראָלעטאריאט ארויסגעגעבנ דעם פאשיזם. אָבער די דאָזיקע 15 יאָר זײַנענ באגלײַכ מיט דעם געווענ אנ איידעס פונ די אָנשטרענגונגענ אונ פונעם קאמפ פונ דער קאָמוניסטישער פּארטיי פאר פארוואנדלענ זיכ אינ א באָלשעוויסטישער מאסנ־פּארטיי, קעדיי אויסצופילנ איר רעוואָליוציאָנערע אופגאבע — דעראָבערנ די ארבעטנדיקע מאסנ פאר דער פראָלעטארישער רעוואָליוציע.

מיר שטאָלצירנ מיט דעמ, וואָס, אויסנוצנדיק ראָזע ליוקסעמבורגס אונ קארל ליבקנעכטס יערושע, לערנענדיק זיכ אפ זייערע רעוואָליוציאָנערע מײַסים, אָנשפארנדיק זיכ אפ דער לערע פונ מארקס-ענגעלס אונ לענינ, בא דער אונטערשטיצונג פונ קאָמינטערנ אונ אפנ בײַשפּיל פונ אלקפּ(ב), האָבנ מיר אויסגעשמידט פונ דער קפּד א געווער, וואָס מיט זײַנ הילפ וועלנ מיר פארניכטנ אינ דײַטשלאנד דעם פאשיזם.

מיר פארלאָזנ דעם XIII פּלענום פונ קאָמינטערנ מיט א פעסטנ צוזאָג אָנצושטרענגענ אלע אונדזערע קרעפטנ, קעדיי דורכצופירנ די דאָזיקע אופגאבע, מאקסימאל צו פארקירצנ די טערמינענ פונ דער פאשיסטישער דיקטאטור אינ דײַטשלאנד אונ אופשטעלנ אינעמ אינדוסטריעלנ הארצנ פונ אייראָפּע די פאָנ פונ דער ראטנמאכט. די גיגאנטישע מעכטיקײַט פונעמ קאָמוניסטישנ אינטערנאציאָנאל, פונ די מיליאָנענ פראָלעטאריער אונ ארבעטנדיקע פויערימ, וואָס גייענ אונטער זײַנ פאָנ, דער טריומפ פונעמ קאָמוניזמ אינ פססר — וועלנ זײַנ א פעסטער אונ זיכערער אָנשפאר פאר אונדזער פּארטיי אונ פארנ גאנצנ דײַטשישנ פראָלעטאריאט באמ דורכפירנ די דאָזיקע אופגאבע (ש ט ו ר מ י ש ע א פ ל אָ ד י ס מ ע נ ט נ).